זיבעצענטער יאָהרגאנג
№ 49
פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 9 grudnia 1938 | ליכט-צינדען 3 09 | פרייטאג ט"ז כסלו פ' וישלח תרצ"ט

בית הכנסת „אהל יעקב".
היינט פרייטאָג און מאָרגען שבת דעם 9-טען און 10-טען דעצעמבער וועט איהר האָבען די געלעגענהייט צו הערען דעם גרויסען עמוד-קינסטלער געוו. וויענער אָבער-קאנטאָר

דוד וויסבערגער

דוד ווייסבערגער זינגט נאָר אויסשליסליך אויף די פליטען „סירענא רעקאָרד". בילעטען צו בעקומען אין וואורסטען-געשעפט פון ה' אבראַמאָוויטש, אין דער דרוקעריי פון ה' באָטשאן און אין דער שוהל „אהל יעקב". באמערקונג: בילעטען וועלען ווערען פערקויפט אויסשליסליך ביז ליכט-צינדן. אָהן בילעטען ווערט נישט אריינגעלאָזט.

Dobre światło uprzyjemnia życie.

Dajcie zawczasu każdemu dziecku dobre światło, chroniąc jego oczy przy czytaniu, odrabianiu lekcji i w czasie zabawy. W pokoju dziecinnym stosujcie Osramówki D na 125 Dlm o niepreścignionej jakości i rozgłosie światowym.

OSRAMÓWKI-D

znakowane w dekalumenach gwarantują małe zużycie prądu.

OSRAMÓWKA D 5

Nowoczesny frontowy sklep

do wynajęcia od zaraz.

Wiadomość na miejscu B. Joselewicza 10.

Wychowawczyni

do 5-letniego dziecka potrzebna.

Zgłoszenia 2 Aleja 24 m. 15 tel. 10-84.

2 pokoje z kuchnią

z wygodami, balkonem, ciepłe, słoneczne do wynajęcia ul. Przemysłowa № 13-15. (dom narożny). Dozorca wskaże.

האלאָ ווילעלון האלאָ

ביי מיר בעקומט מען **בוימאייל** צום עסען, באקען און ברענען, אויך

פערשידענע זייפען אלץ צו ביליגע פרייזען.

טוסק, ווילעלון, קרולעווסקא 9.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.

מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאנץ 12 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

Proszek od BÓLU GŁOWY

DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA

stosuje się również

PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE

Udana babka...

Pulchne i smaczne, bo pieczone na proszku do pieczenia Dawa. Dawa nie pozostawia posmaku.

Dawa

Dr. A Wander S. A Kraków.

זאל פון פייערלעשער.

נאָר 4 פאָרשטעלונגען פון וואַרשאַוער טרופע טעאַטער פאַר אַלע

מיט'ן אנסאמבל פון: רעגינא גליקסאן, קלארא צוקער, חנה צווייליך, מרים וואַראָנאָוויעצקא, אירענא ריבאָווסקא, לייב פרידמאן, זלמן קאלעשניקאָוו, אברהם קראסנאָוו, ש. צוקער, מ. פישמאן, ש. צווייליך

פרייטאג ד. 9 דעצ. 9 אָוועגד שבת ד. 10 דעצ. 4 נאכמיטאג

צום ערשטען מאָל דער גרויסער שלאגער אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון ראקאָוו

בענקענדע הערצער.

שבת ד. 10 און זונטאָג ד. 11 ד. מ. 9 אָוונער

ראס וואלגא = מיידעל

אין 2 גרויסע אקטען מיט 15 נומערן געזאנג און טענץ.

אין 2 אקט פון בידע פיעסען קומט פאָר א גרויסער **רעוווי=קאנצערט** מיט'ן אנסאמבל פון גאנצען אנסאמבל

איינענע קאָסטיומען און דעקאָראציעס פון וואַרשאַווער טעאַטער „סקאַלא".

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באָטשאן, פון 7 אָוונד און שבת א גאנצען טאָג אין קאסע

דעם ה' יאַקוב ראָזענטאל און פאמיליע אין פראשקא צו דער חתונה פון זייער שוועסטער רעגינאַ מיט ה' א. נאַפטאַלי ווינשען מיר פיעל גליק

לייב יאַקובאָוויטש און פרוי

Panu Jakubowi Rozentalowi oraz Rodzinie najserdeczniejsze życzenia z okazji zaślubin Córki Jego Reginy z p. Aleksandrem Naftali. Młodej Parze — szczęść Boże.

Arnoldowie Sieradzcy, Praszka

אונזער פאמיליע און פריינד ה' שמואל מייעראָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער גיטל מיט ה' צבי מאַנדל. ה' יחיאל הערשליקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן פנחס מיט פרל. גאָלדע מאַשקאָוויטש ווינשען מיר פיעל גליק

יודל רינג און פרוי

צו דער חתונה פון ה' הירשל מאַנדעל מיט פרל. גוטשע מאַיעראָוויטש א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט. די עלטערן אונזערע ג' שעפען ווינשען מיר פיעל נחת.

ברוך הויזשפיגעל און פרוי.

דעם ג' לאנגיעהריגען עהרען-סעקרעטאר פינטשע הערשליקאָוויטש צו זיין חתונה מיט פרל. גאָלדע מאַשקאָוויטש פון טשענסטאָכאָוו ווינשט א הערצליכען מזל-טוב

מוסד הכנסת אורחים ותמוכת עניים אין ווילעלון

אונזער ג' שותף ה' יחיאל הערשליקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן פנחס מיט פרל. גאָלדע מאַשקאָוויטש ווינשען פיעל גליק

די מיטאינהאבער פון

„Przemysł Mączny" L. Lisek i S-ka

צו דער חתונה פון ה' פנחס הערשליקאָוויטש מיט פרל. גאָלדע מאַשקאָוויטש ווינשען מיר דעם יונגען פאָר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען, די עלטערן—פיעל נחת.

א. סאָבעלמאַן און פרוי

אונזער שוועסטער און שוואָגער יהושע לאפידעס און פרוי צו די תנאים פון זייער זוהן יודל מיט פרל. רייזל יאכימאָוויטש ווינשען מיר פיעל גליק און נחת

צבי וואָלמאַן און פרוי, צבי סקושינאַ און פרוי.

CEDIB

UNIVERSITÉ de BEAUTÉ PARIS

RACJONALNA KOSMETYKA

Własne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע ליעבע עלטערן אין ארץ-ישראל צו דער חתונה פון זייער ליעבע טאָכטער אונזער שוועסטער און שוועגערין נחמה נאָוואָק מיט ה' נחמן פוקס, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קרית חיים (ארץ-ישראל) דינסטאג, דעם 6-טען דעצעמבער ד. י. זאָלט איהר האָבען פון זיי פיעל נחת. דעם חתן כלה ווינשען מיר א בליהענדע גליקליכע צוקונפט אין לאַנד פון אונזערע אבות

וואָלף, סאלאָ און שימוש נאָוואָק

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין נחמה נאָוואָק מיט ה' נחמן פוקס, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קרית חיים (א"י), ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע בליהענדע צוקונפט. די עלטערן פיעל נחת און פרייד.

משה, קיילה, יעטשיא און מירציא מייעראָוויטש.

די ג. פאמיליעס מייעראָוויטש און מאַנדעל צו דער חתונה פון זייערע קינדער פרל. גיטל מייעראָוויטש מיט ה' צבי מאַנדעל פון טשענסטאָכאָוו ווינשען מיר די עלטערן פיעל נחת, דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט.

אלחנן מאדאוויטש און פרוי, מאָכל גערטלער און פרוי.

צו דער חתונה פון פרל. גיטל סקאָווראָנעק מיט ה' יצחק האַניגמאַן (ראדאָמסק) ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט

נחום לעווקאָוויטש און פרוי, משה יגדקעוויטש און פרוי

צו דער חתונה פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין גיטל סקאָווראָנעק מיט ה' יצחק האַניגמאַן פון ראדאָמסק, ווינשען דעם יונגען פאָר פיעל גליק די עלטערן פיעל נחת און פרייד.

איטקע און מענדל ווייצמאַן

אונזער מחותנת'טע צו דער חתונה פון איהר טאָכטער גיטל סקאָווראָנעק מיט ה' יצחק האַניגמאַן ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט. דעם יונגען פאָר א הערליכע צוקונפט

אליעזר ווייצמאַן און פרוי, שמואל דרעזדנער און פרוי

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ג' פריינדין גיטל סקאָווראָנעק צו איהר חתונה מיט ה' יצחק האַניגמאַן זאָל איהר צוקונפט זיין א גליקליכע

חיה שרה זאָלצשטיין, רייזל שטיל, קושעפיץ

צענטראלע פון דעטאליסטען און קליינהענדלער - פערבאנד אין פוילען, אָבט. אין טשענסטאָכאָוו

איז אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון לעצטען לאנדעס-צוזאמענפאָהר צוגעטרעטען צו גרינדען

א האנדעלס = קורס

פאר סוחרים, דעטאליסטען און קליינהענדלער

מיטגלידער און נישט מיטגלידער אונטער דער לייטונג פון ד"ר פ. אקסער.

איינשרייבונגען ווערען שוין אנגענומען יעדען טאָג אין סעקרעטאריאט פון פערבאנד.

Kino „BAŁTYK" 14-16

Królowa Przedmieścia

מאַרגאַרין מנורה

כשר'ע און פארווע

קען מען בענוצען צו פליישיגע און מילכיגע מאכלים, איז אויך נאַרהאַפט געשמאַק און לייכט פערדייליך.

MD AMADA

גיט אכטונג אויפ'ן פאבריקס-צייכען.

אונטער דער השגחה פון ווארשאווער ראַבינאַט.

פערטרעטער: חיים זילבערשפיץ

טשענסטאָכאָוו פילסודסקי 3. טעל. 25-60.

צי קען מען ווירקליך נישט קומען צו קיין הסכם?

הגם מיר האָבען נישט קיין אָפיציעלען בעריכט וועגען דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון „דאַבראָטשינגאָשטש“, ווייסען מיר דאָך, אז אויך דאס מאָל (שוין צום צווייטען מאָל) איז צו קיין וואַהלען נישט געקומען.

זינט די „דאַבראָטשיננאָשטש“ עקזיסטירט איז אַזאַ שטורמישע פערזאַמלונג נאך נישט פאָרגעקומען.

וועגען וואס אייגענטליך האַנדעלט זיך דאָ, אַז אין „דאַבראָטשינגאָשטש“, וועלכע האט אַ שם פאַר אַ קאָנסערוואַטיווע געזעלשאַפט, וואו מען טאָר קיין הויך וואָרט נישט רעדען, זאָל קומען צו אַ רעוואָלוציע? איז דער ענטפער: דאס יודישע שפיטאָל.

אָט וועגען דער דאָזיגער אינסטיטוציע, וואס איז יעדען יוד ביי אונז אין שטאָדט טייער, געהט אָן דער דאָזיגער קאַמף.

עס האָט זיך געשאַפען אַ קרייז פריינד פון יודישען שפיטאָל, וועלכע האבען אויך געשאַפען אַ גרעסערע סומע, ווילען אָבער די דאָזיגע זאַמלער אויך האבען אַ דעה איבער דער אַדמיניסטראַציע פון שפיטאָל טענה'דיג, אַז אויב מענשען זאַמלען און געבען געלד ווילען זיי אויך וויסען, ווי אַזוי מען גיט אויס דאס געלד. און אָט צוליעב דעם געהט עס אָן דער קאַמף. די ביז־יעצטיגע ליטונג וויל נישט נאכגעבען און די זאַמלער ווילען ווידער נישט געבען קיין געלד.

זעהענדיג, אַז עס נעמט נישט קיין סוף, איז געשאַפען געוואָרען אַ פערשטענדיגונגס - קאָמיסיע, וועלכע האט אָבגעהאַלטען אַ רייה זיצונגען, בעראָטונגען און קאָנפערענצען, נאך וועלכע עס איז געקומען צו אַנ'אויסגלייך. מען האט מיט מזל בעשטימט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „דאַבראָטשינגאָשטש“. ווי ס'ווייזט אבער אויס איז אויף דער פערזאַמלונג דער אָבמאַך געפּלאַצט און נאָכדעם ווי מען האט זיך געאַמפערט ביז שפעט אין דער נאַכט איז צו קיין וואַהלען נישט געקומען, נאָר מען האָט בעשטימט אַ נייע פערשטענדיגונגס קאָמיסיע, וואס זאָל פרובען נאכאַמאָל צו דערפיהרען צו אַנ'אויסגלייך.

אָט אַזוי זעהט אויס פיעל וועניג די לאַגע.

פרעגען מיר: צי איז דאס ריכטיג אַזוי? צי דאַרף אַזאַ וויכטיגע אינסטיטוציע ליידען צוליעב פערזענליכע אַמביציעס, צי קען מען דערלאָזען, אַז דערפאַר, וואס דער אָדער יענער כללטהוער וויל בשום אופן נישט אָבטרעטען פון זיין אַמט, זאָל אַזאַ וויכטיגע אינסטיטוציע, ווי עס איז דאס יודישע שפיטאָל, אונטערגעהן.

מיר דרינגען נישט אַריין אין תוך פון דער זאַך צו בעשולדיגען דעם צד, אָדער געבען גערעכט דעם צווייטען צד. מיר ווילען דאסמאָל פעסטשטעלען אַ פאַקט, אַז צוליעב קליינליכע פערזענליכע אַמביציעס לאָזט מען הרוב ווערען איינע פון די היגע וויכטיגסטע אינסטיטוציעס.

דאס איז אגב נישט דער ערשטער פאַל. אויך די קהלה ווערט צוליעב דעם זעלבען חולאת חרוב און אויך אנדערע אינסטיטוציעס זענען צוליעב אָט דער קרענקליכער פערזענליכער אַמביציע צום גרונד געגאַנגען. עס איז אָבער שוין די העכסטע צייט די דאָזיגע פערשוינען צו רופען צו אָרדנונג, ווארום ווי לאַנג איז דער שיעור פון מחלוקת.

מען רייסט זיך וועגען קינד און דערווייל ווערט דאס קינד דערשטיקט.

רבותי, ווי לאַנג דאַרף דאס אַרומרייסעניש דויערען?

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— אין טשערנאָוויץ (רומעניען) זענען פערצייכענט געוואָרען פיעל שרפות אין שוהלען ווי אויך אין פאַבריקען און געשעפטען, וואס געהערען צו יודען. די אונטערצינדער האבען זיך אַרויסגעוויזען אלס מיטגלידער פון דער אַנטיסעמיטישער „אייזערנער גוואַרדיע“.

— לויט אַ נישט פולשטענדיגער צוזאַמענשטעלונג ווייזט זיך אַרויס, אַז בעת די לעצטע אַרויסטרעטונגען געגען יודען אין דייטשלאַנד זענען פון 10־טען נאָוועמבער פולשטענדיג אָדער טיילוויז פערניכטעט געוואָרען 520 סינאַגאָגען. קרוב 60 טויזענד יודען זענען אַרעסטירט געוואָרען.

— דאָס בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום האט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער עס איז פערבאָטען געוואָרען יודען צו וואוינען אין געוויסע טיילען פון דער הויפּט שטאָדט. חוץ דעם איז פערווערט די יודען צו קומען אין די גאָרטענס, פאַרקען, קינאָס, טעאַטערס, ספּאָרט־פּלעצער א. ד. גל. דער פערבאָט נעמט אַרום אלע יודען, דייטשע בירגער און מלוכה'לאָזע.

— די רומענישע רעגירונג האט גענומען אונטערדריקען מיט אַ שטאַרקער האַנד די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון דער אויפגעלייזטער „אייזערנער גוואַרדיע“. עס זענען אַדורכגעפיהרט געוואָרען פיעל אַרעסטען אויך צווישען דער סטודירענדער יוגענד. די דאָזיגע טאַקטיק פון דער רומענישער רעגירונג האט אַרויסגערופען אונצופרידענהייט אין דייטשלאַנד.

— אויפ'ן שאָסע ביי רמלה איז דערשאָסען געוואָרען דורך אַראַבישע טעראָריסטען דער יודישער שאָפער יוסף באַלבין.

— ביי תל־עמל זענען בעת אַנ'אָנפאַל פון אַנ'אַראַבישער באַנדע אומגעקומען די יודישע שומרים: מאַקס העללער פון דייטשלאַנד, בנימין מעלניצקי פון ריגא און יהודה פאַפּא פון בולגאַריען.

— אין משמר־הירדן האבען טעראָריסטען אַרויסגעריסען 2 טויזענד אָראַנזשען־בוימער. עס איז געבליבען גאַנץ נאָר איין פערטיל פון דער פריהערדיגע צאָהל אָראַנזשען־בוימער.

— אין מגדל־צדק איז דערהרגעט געוואָרען דער 28 יעהריגער אַרבייטער נתן גאָלדבערג.

— אין איטאַליענישען פּאַרלאַמענט איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע געגען פראַנקרייך, בעת וועלכער אלע דעפּוטאַטען האבען מיט אויסשרייען פערלאַנגט פאַר איטאַליען טוניס, קאָרסיקאַ און ניצצאַ. עהנליכע מאַניפעסטאַציעס זענען אויך פאָרגעקומען אין גאַנץ איטאַליען. די דאָזיגע דעמאָנסטראַציעס האבען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין פראַנקרייך. אויף אַנ'אינטערווענץ פון ענגלישען אַמבאַסאַדאָר אין רוים האָט דער איטאַליענישער אויסערן־מיניסטער גראַף טשיאַנאָ ערקלערט, אַז די אַרויסטריטען פון די דעפּוטאַטען האבען געטראָגען אַנ'אינדיווידועלען כאַראַקטער.

— נאָך דעם דורכפאַל פון גענעראַל־שטרייק אין פראַנקרייך זענען פיעל שטרייקענדע אַרבייטער דערווייטערט געוואָרען פון די פאַבריקען, וואו זיי האבען געאַרבייט.

אין פּראָווינץ־פּאַרלאַמענט פון שטאַט מאַסאַטשוזעטס אין די פעראייניגטע שטאַטען איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ געזעץ פּראָיעקט געגען דער פערשפּרייטונג פון ראַסען־האַס.

— די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האט פּראָדענט אַדורכצופיהרען אַ צעהלונג פון אלע פּליטים, וואס געפינען זיך אין לאַנד.

— 100 טויזענד ענגלענדער, נישט־יודען און יודען, האבען אונטערגעשריבען אַ פּעטיציע צו דער ענגלישער רעגירונג צו עפענען די טויערען פון א"י פאַר יודען פון צענטראַל און מזרח־איירָאָפּע.

— די האַרוואַרד־אוניווערזיטעט האָט בעשטימט 20 סטיפּענדיעס צו 500 דאָלאַר יעדע פאַר סטודענטען־פּליטים פון דייטשלאַנד.

— קיין ענגלאַנד זענען אָנגעקומען די ערשטע 240 קינדער פון דייטשלאַנד. די קינדער זענען דערווייל בעזעצט געוואָרען אין אַ בעקוועמען לאַגער ביי האַריטש.

— די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגען אין סיים אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען פערלענגערן דאס בילליגע דירה־געלד ביז'ן 31 מערץ 1940.

— דורך דעפּ. בודזשינסקי איז אין סיים אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ געזעץ פּראָיעקט וועגען פערבאָטען אינגאַנצען די יודישע שחיטה. דער פּראָיעקט איז אונטערגעשריבען געוואָרען אויך דורך עטליכע דעפּוטאַטען פון „אָזאָן“.

— אין לעמבערגער שפיטאָל איז געשטאָרבען פון די וואונדען דער יודישער סטודענט פון פּאָליטעכניקום סאַמועל פּראָוועלער, 18 יאהר אַלט, וועלכער איז דעם 18 פ. ח. בעפאַלען געוואָרען אויפ'ן פּאָליטעכניקום דורך אַ גרופּע קאָליגאַנעס.

— אין יודישען סטודענטען־קלוב אין קלאַוזענבורג (רומעניען) איז אונטערגעלעגט געוואָרען אַ באָמבע, וועלכע האט, צום גליק, נישט עקספּלאָדירט. בעת דער באָמבען־עקספּלאָזיע אין טימיסאַראַ (רומעניען) זענען אומגעקומען: דער פאָרזיצער פון קרן־היסוד אין טראַנסילוואַניע בערנאַלד עקשטיין, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון קרן־קימת, שמעון היראך מיט זיין פרוי און העלענאַ האָראָוויץ.

— אין בוקאָווינאַ איז ערשינען אַ פעראָרדנונג, אַז אלע יודען, וועלכע האבען פערלוירען זייערע בירגער־רעכט מוזען גלייך געקינדיגט ווערען פון די פערנומענע פּאָסטענס אין דער אינדוסטריע און האַנדעל.

— אין דער אונגאַרישער פּרעסע האבען זיך ווידער בעוויזען אַרטיקלען, מיט דער פאָדערונג וועגען אַ בשותפות'דיגער גרעניץ מיט פּוילען. אונגאַרן פערלאַנגט פאַר זיך יענעם טייל קאַרפּאַטען־רוס, וואס איז נאָך פערבליבען ביי טשעכאָסלאָוואַקיי.

— דאס גרודזיאָנדזער קרייז־געריכט האט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל אין פּראָצעס געגען וויקטאָר יענדזשעיעווסקי פאַר בעליידיגען די יודישע רעליגיע אין קאַלענדאַר „סאַמאָאָבראָנאַ נאַראָדו“ דורך פערעפענטליכען פאַלשע ציטאַטען פון תלמוד. יענדזשעיעווסקי איז פערמשפּט געוואָרען אויף 7 טעג אַרעסט.

— דער פאָרזיצער פון דער ענדעקישער פּאַרטיי אַדוו. קאָוואַלסקי איז פערמשפּט געוואָרען אויף 2 חדשים אַרעסט.

— אין עלטער פון 61 יאהר איז אין ירושלים געשטאָרבען דער בעקאַנטער יודישער סאָציאַל־וויסענשאַפטלער דר. באָריס ברוצקוס.

— אויף אַ פערזאַמלונג אין חיפה, געווידמעט דער פּראַגע פון ראַטעווען יודישע קינדער פון דייטשלאַנד, האט די 80 יעהריגע רחל ווייצמאַן, די מוטער פון דר. חיים ווייצמאַן, ערקלערט, אַז זי אַדאָפּטירט 3 יודישע קינדער און גערופען אַנדערע נאָכצוטהון דעם ביישפּיעל.

— דער אַלקאַנאַדישער פּליטים הילפס־קאָמיטעט און עקזעקוטיווע פון דער קאַנאַדער פעראייניגונג פון פעלקער־בונד האבען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט געפאָדערט צו ערמעגליכען אַ גרעסערע איינוואַנדערונג פון פּליטים קיין קאַנאַדע. די קאַנאַדער רעגירונג ווערט גערופען צו געבען די פּליטים ווירקזאַמע הילף און צו פּראָטעסטירען ביי דער דייטשער רעגירונג געגען די ברוטאַלע יודען־רדיפות.

— די א"י רעגירונג האט אָבגעשטעלט אויף אַ חודש צייט דעם אָרגאַן פון גפּוו. ירושלים'ער מופסי „אל לאחאב“.

צרות פון ראַדיאָ...

קליינער פעליעטאָן

כ'בין לעצטענס שוין אַזוי געוואוינט איינצוהערען פערשידענע מעשות וועגען דער יודישער סיטואַציע, כ'מיז אַזוי פיעל מענשען ענטפערען אויף דער באַנאַלער פראַגע, „וואס הערט זיך“ און „וואס וועט ווייטער זיין“, אַז כ'האָב גאָר נישט בעמערקט דאס אַריינקומען פון מיין שכן ישראל יודל אין זיין בעקלאָגען זיך אויפ'ן ראַדיאָ, וואס איז איהם לעצטענס קאַליע געוואָרען. ערשט שפּעטער, ווען ער האט געזעהן, אַז איך ענטפער איהם נישט, האט ער געגעבען אַ קלאַפּ אין טיש און הויך אויסגעשריגען: צי זענט איהר שוין אויך טויב געוואָרען צו די יודישע צרות? האָב איך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און בעמערקט מיין שכן שטעהן מיט אַ צוגעדריקטער פּויסט און פון כעס פערגאָסענע אויגען.

— וואס איז געשעהן — וואונדער איך זיך — וואס זענט איהר אַזוי אין כעס? פע־מוסר איך מיין שכן. אַ יוד, וועלכער האט בכוחו טאָר זיך נישט איבערנעמען מיט די יודישע צרות, אַזוי איז עס געווען פון אַלע צייטען און אַזוי וועט מסתמא זיין, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען זיין אין גלות.

— נישט דאס פערדריסט מיך־ענטפערט מיין שכן און איך זעה ווי דער כעס געהט איהם איינציגווייז אָוועק — אוודאי ביטערט מיר מיין האַרץ אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס האט געטראָפען דאס דייטשע יודענטום, דעם יודישען קבוץ, וועלכער האט זיך אין משך פון די לעצטע 90 יאהר געלעבט אין רוה און צופרידענהייט, אַזוי, אַז זיי האבען שיער פערגעסען, דאס זיי זענען יודען אין גלות. אויך איז מיר מיין האַרץ פערטרויערט אויף די שוואַרצע וואָלקענס, וואס רוקען זיך אָן אויף דעם גרויסען קבוץ אין מיטעל איירָאָפּאַ, אָבער, ווי זאָגט איהר, מיר „אָסט“ יודען זענען צו דעם געוואוינט און מיר לעבען שוין מיט די אומגליקען אין פריידען אימשטיינס געזאָגט, — אויב מיך פערדריסט יאָ עפּעס — זאָגט ווייטער מיין שכן — זענען די צרות וואס איך האָב לעצטענס פון ראַדיאָ.

— צרות פון ראַדיאָ? — וואונדער איך זיך — וואס פאַרע צרות קאָן מען דאס האבען פון ראַדיאָ? אדרבה, ווער מיר אַ שטיקעל נוטס גינט, זאָל זיך קאָנען אַריינשטעלען אַ ראַדיאָ אין שטוב; עס איז דאָך „שוויאַט ו'דאָמו“ אַזוי ווי אַ געוויסע היגע יודישע פירמע אַנאָנסירט זיך. אויב מען האט אַ ראַדיאָ האט מען דאָך די גאַנצע וועלט אין דער שטוב.

— אויך איך האָב אַזוי געמיינט — זאָגט מיין שכן — און דאס איז טאַקי געווען די סיבה, וואס אין מיין שטוב איז דאָ אַ ראַדיאָ. ד. ה. נישט, אַז איך בין געווען פאַר אַ ראַדיאָ־פערטיידיגט זיך ישראל יודעל — נאָר מיין ווייב און קינדער האבען זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אַז זיי ווילען האבען אַ ראַדיאָ. ביי אַלע שכנים זענען פערהאַנען ראַדיאָס, טאָ פאַר וואס זאָלען מיר זיין אַנ'אויסנאַהם, איבערהויפּט האט מיין יונגערע טאָכטער, וועלכע קאָן אויסזינגען אַלע שלאַגער'ס און טאַנצס אין „איירָאָפּאַ“ אויף אַלע פייף'ס, האט ממש מרעיש עולם געווען, אַז דער טאַטעשי זאָל קויפען אַ ראַדיאָ, אַז נישט וועלען די קאָלעזשאַנקעס האבען דעם איינדרוק, דאס ביי אונז איז נישט קיין אינטעליגענטע שטוב. דאָן האט מיין ווייב אויך אונטערגעמוטמפּעלט: היינטיגע צייטען, דאס יענץ. הקצור, איך בין אָוועק און געקויפט אַ ראַדיאָ.

— אַ פּרינציפּ האָב איך דערצעהלט ווייטער מיין שכן — אַז איך קויף, זאָל עס זיין אַ גוטער ראַדיאָ, 4 לעמפּ און פון אַ גוטע ערשטקלאַסיגע פירמע. האָב איך געזוכט אַ ראַדיאָ פון דער פירמע „עלעקטריט“, נאָר צו מיין גרויסען בעדויערען האָב איך געמוזט וואַרטען עטליכע וואָכען ביז ענדליך אַ היגע יודישע פערטרעטונג האט בעקומען דעם פערקויף פון „עלעקטריט“ און מען האט מיט מזל געשלאָסען דאס געשעפט.

די שמחה מיט'ן ראַדיאָ איז געווען אין לשער. גאַנצע טעג און נעכט איז מען געזעסען ביים ראַדיאָ און אַרומגעזוכט די גאַנצע וועלט. און דער עיקר האט מיך געלאָקט צו הערען דורכ'ן ראַדיאָ יודישע אודיציעס. אין טעאַטער געה איך נישט, וועט מיר דאס דער ראַדיאָ פערטרעטען, אַ שטיקעל קוסעוויצקי, אַ קאַפּקעלע שניאור'ס כאָר או"ו, נאָר ווי זאָגט איהר, אַז ס'איז בעשערט צרות, קומט עס אין שטוב אַריין. איך דרעה און דרעה ביים ראַדיאָ און קאָן נישט געפינען קיין רעכטע זאַך.

— וואס הייסט דאס—ווער איך שוין אויפגערעגט. אין ראַדיאָ געפינט איהר נישט קיין רעכטע זאַך? וואס הייסט דאס, אָט כאַפּ איך אַ ציימונג און ווייז איהם דעם ראַדיאָ פּראָגראַם, וועלכער איז אָנגעפּיקעוועט מכל טוב און איהר, ישראל יודל, האט נישט וואס צו הערען?

— איך האָב צו פיעל צו הערען — פערטיידיגט זיך מיין שכן — און דאס איז טאַקי די צרה, ווייל איך הער צופיעל, נאָר דאס וואס איך וויל הערען, דערצעהלט מען מיר נישט.

אַזוי למשל האָב איך געוואָלט מיט'ן ראַדיאָ יוצא זיין פון ציימונג לעזען. איך האָב פיינט ציימונגען, וועלכע ברענגען נישט קיין גוטע נייעסען פאַר יודען. מיינע נערווען האַלטען עס נישט אויס, ווייל איך הערען בעסער מוזיק. איז ווי נאָר כ'עפען דעם ראַדיאָ הער איך גאָר רעדען וועגען דעם ווי אַזוי מען זאָל פּטור ווערען פון די יודען און אויך וועגען דעם אויסציגען פון די גבאַראַדאָווע ציימונגען. וויל איך דאָך הערען, וואס מען רעדט וועגען דעם אין אויסלאַנד, פערשטעה איך נישט די שפּראַך און אונזער ספּיקער האט נישט קיין חשק דאָס צו פערטייטשען אויף פּויליש. דערפאַר אָבער הער איך אָפּט די רעדעס פון היטלער־דייטשלאַנד, וואָס עגבערען מיר דעם כוח און צורייצען מיר מיינע אַזוי אויך צוּרייצטע נערווען. אָט למשל האָט מען געמאָלדען, אַז דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען וועט האַלטען אַ רעדע דורכ'ן ראַדיאָ וואו ער וועט פּראָטעסטירען געגען די קאַניבאַלען, וואס האבען זיך בעזעצט אין דריטען רייך, נאָר דרעה אַהין און דרעה אַהער, איך קאָן עס נישט געפינען... אַזוי האָב איך אויך נישט געהערט דורכ'ן ראַדיאָ די גרויסע פּראָטעסט־פערזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָנער אַלבערט־האָל געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד אויף וועלכער עס זענען אַרויסגעטרעטען די גרעסטע פיהרענדע פערזענליכקייטען פון ענגלאַנד: איך וויל דורכ'ן ראַדיאָ הערען נישט בלויז וועגען אונזערע פּיין, נאָר אויך אַ שטיקעל נחמה, נאָר דאס קאָן איך זיך נישט דערוואַרטען, כ'ווייס נישט ווער עס איז שולדיג דערין. מעגליך, אַז מיין ראַדיאָ איז אַזוי אַנטיסעמיטיש געשטימט, אַז ער לאָזט נישט אַדורך קיין שום גוטע נייעס פאַר יודען, נאָר ער האַלט אין איין טרומייטערען וועגען יודישע צרות.

איך האָב שוין געטהון כל־התפעלות קלאָגט ווייטער מיין שכן — כ'האָב געטוישט די לעמפּ. כ'האָב גערופען אַ מעכאַניק, נאָר ס'האט גאָרנישט געהאָלפען מיין ראַדיאָ טהוט זיך דאס זייניגע, ער דערצעהלט נאָר וועגען אונזערע פּיין און טאָמער וויל איך עפּיס געוואויר ווערען, וואס מען זאָגט עפּיס וועגען אונז אין אויסלאַנד, מוז איך ווייטער קויפען יודישע ציימונגען. דער ראַדיאָ דערצעהלט מיר אָבער גאָרנישט קיין גוטעס.

יודען, אפשר ווייסט איהר פון אַ ראַדיאָ, וואס זאָל איבערגעבען אַלץ, וואס ס'טהוט זיך אויף דער וועלט. כ'מיין, אַז ער זאָל נישט בלויז רעדען געגען אונז, נאָר ער זאָל אויך דערצעהלען וועגען די יעניגע, וועלכע רעדען אויך פאַר אונז?

איך האָב געמיינט, אַז דער ראַדיאָ וועט מיר פערזיסען מיין לעבען, דערווייל פערשאַפט ער מיר נישט מעהר ווי צרות. וויניג צרות, האָסטו נאָך צרות פון ראַדיאָ...

סמאָל

ווען זענען די ערשטע יודען אנגעקומען קיין פוילען?

פון גרשם באדער

געווען איז עס ביים אנהויב פון 11-טען יאהרהונדערט, ווען פוילען איז נאך געווען האלב ווילד און בארבאריש, אהן מענשליכער ציוויליזאציע און אייגער האט דעם אנדערן כמעט ווי אויפגעגעסן לעבעדיגערהייט; ווען דאס פאלק איז מייסטענס בעשטאנען פון אומוויסענדיגע פויערים און פריצישע ליידיגגייערס, האבען זיך דארט בעזעצט עטליכע יודען ארום די שטעדט גנעזען און פויזען. טייל זענען אהינגעקומען פון דייטשלאנד און אנדערע זענען געקומען פון די ווייטסטע לענדער: פון ביזאנץ, פון פערסיע, פון קאווקאז און פון די געגענדען ארום דעם שווארצען ים.

זוכענדיג פרנסה האבען זיך יענע יודען ארויסגעלאזט אויף געוואגטע אונטערנעהמונגען.

צוערשט פלעגען זיי קומען אויף די פוילישע יארידען מיט פערשידענע סחורות פאר'ן געברויך פון די רייכע לייט, א שטייגער ווי זיידענצייג, סאמעט, טעפיכער, מוך, גאלדווארג, געווירצען און וויין דארט פלעגען זיי די דאזיגע סחורות אויסבייטען אויף עסענווארג, אויף פעל פון גשאסענע חיות, פיש, וואל, פלאקס און האלץ.

פוילען האט ערשט געהאט אנגענומען די קריסטליכע אמונה און דאס לאנד איז נאך נישט געווען געזעצליך אייגגעארדענט.

די רייכע און אנגעזעהענע בעלי-בתים פון דער מדינה פלעגען דאמאלס זעהן דעם פלייס און פעהיגקייטען פון די יודען, וואס זענען געקומען האנדלען אויף זייערע יארידען, האבען זיי געהאט די איבערצייגונג, אז עס וואלט געווען א ברכה פאר דעם לאנד, ווען דער דאזיגער עלעמענט זאל זיך וועלען סטאביל בעזעצען אין פוילען.

אפטמאל האבען אויך די פיהרער פון דער פוילישער מדינה געהערט וואס פאר א נוצען די יודען ברענגען אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך און אין שפאניען, וואו זיי זענען דאמאלס געווען א וויכטיגער בעשטאנד-טייל פונ'ם לעבען. האט דאמאלס איטליכער גערן געזעהן, ווען עס זענען אנגעקומען גרעסערע גרופעס יודען קיין פוילען.

שפעטער האבען יודען איינגעפיהרט געלד אין פוילען. אנשטאט צו פיהרען א פרימיטיווען טויש האנדעל, וועלכער איז נישט געווען בעזירט אויפ'ן ווערט פונ'ם געלד, האבען די יודישע סוחרים אויסגעלערנט געברויכען קופערנע און זילבערנע מטבעות אינ'ם האנדעל. יודען זענען אויך געווען די ערשטע, וואס האבען אבגעדונגען ביים קעניג די רעכט צו מאכען די דאזיגע מטבעות.

נאכדעם האבען די יודען איינגעפיהרט דאס אבשאצען דעם ווערט פון יעדער סחורה און ווען א סוחר האט נישט געהאט גענוג קופערנע און זילבערנע מטבעות צו בעצאהלען פאר דער געקויפטער סחורה, האבען יודען איינגעפיהרט דעם קרעדיט—צו געבען סחורה אויף בארג, אויף א „קוויטעל" פון התחייבות אדער א „וועקסעל", וועלכער האט געדארפט בעצאהלט ווערען אין א בעשטימטער צייט, לויט ווי דאס האט זיך שוין פריהער געפיהרט אין אנדערע לענדער.

ווען דער 11-טער יאהרהונדערט האט געהאלטען ביים סוף, אין 1096, האט די קריסטליכע וועלט אין איראפא אנגעהויבען דעם „קרייצצוג" געגען די מאכמעדאנער, וואס האבען געהאלטען בעזעצט ארץ ישראל, האט זיך דאמאלס מיט דער ערלויבניש פון פויפסט אורבאן דעם צווייטען, און מיט זיין ברכה, ארגאניזירט א גרויסע קריסטליכע ארמעע, וועלכע איז געגאנגען אבנעמען ארץ ישראל פון די מאכמעדאנער. אבער איידער זיי זענען נאך געגאנגען קיין ארץ-ישראל, האבען זיי זיך דערמאנט, אז טאקע דא וואו זיי געפינען זיך, אונטער זייערע אויגען, לעבען יודען, וועלכע זיי האבען בעטראכט פאר שונאים פון דער קריסטליכער אמונה—און עס איז זיי געקומען אויפ'ן געדאנק, אז מ'וואלט פריהער פאר אלעמען געדארפט אויספרובען די כחות אויף די יודען, צווינגען זיי צו שמד'ן זיך אדער אויס'הרג'ענען מיט ווייב און קינד.

דער צעיושעטער עולם האט זיך א ווארף געטהון אויף די יודען מיט דער גרעסטער אכזריות—און וואו אט די „מלאכי חבלה" זענען נאר געקומען, —אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך,— איידער זיי האבען זיך אוועקגעלאזט אין ווייטען וועג אריין, האבען זיי געבראכט טויט און פערניכטונג צו יודען. אנגעפיהרט פון א גאנז, וועלכע איז געגאנגען פאראויס ווי א גענעראל, איז די מחנה אנגעפאלען אויף יודישע קהלות און מיט'ן געשריי, אז „גאט וויל אזוי" האט מען גערויבט און געמארדעט וויפיל עס האט זיך נאר געלאזט און קיינער האט זיך נישט אקעגענגעשטעלט.

די יודען אין פוילען האבען דערפון געהערט און ארויסגעשיקט שלוחים צו יענע פער'יאוש'טע ברידער זיי אנצוזאגען די בשורה, אז דאס פוילישע פאלק איז נישט בעטייליגט אינ'ם „קרייצצוג", קענען זיי דערפאר געפינען א מקלט אין פוילען. מיט דער ערלויבניש פון קעניג וולאדיסלאוו הערמאן (פון 1081 ביז 1102) האט מען דאמאלס געעפענט די טויערען פון לאנד פאר די גע'רודפ'טע יודען, זיי זאלען מעגען וואוינען אימעטום, וואו זיי וועלען נאר האבען חשק.

וועגען דעם פריינדליכען אויפנאהם פון די יודען אין פוילען דערצעהלט א לעגענדע, אז נאכדעם ווי די יודען אין דייטשלאנד האבען גוזר תענית געווען און גאט געבעטען, ער זאל זיי אבראטעווען פון די רוצח'ישע הענד, איז אראבגעפאלען א קוויטעל פונ'ם הימעל, אויף וועלכען ס'איז געווען אנגעשריבען: „געהט קיין פוילען און דארט וועט איהר געפינען מנוחה!"...

האבען זיך די יודען א לאז געטהון קיין פוילען—און ווען זיי זענען דארט אנגעקומען האבען זיי די פויגעלעך אין די וועלדער בעגריסט שוויטשענדיג „פה לין! פה לין!"...

האבען עס די וואנדערער אויסגעטייטשט לויט העברעאיש, אז די פייגעלעך וועלען זיי זאגען: „דא זאלט איהר נעכטיגען!"...

ווען זיי האבען נאכדעם א קוק געטהון אויף די ביימער, האט זיך אויסגעדוכט, אז אויף יעדען צווייגעל איז אנגעהאנגען א בלאט פון דער גמרא. זיי האבען באלד פערשטאנען, אז ס'האט זיך דא פאר זיי ענטפלעקט א נייער ארט, וואו מ'וועט קענען פארטזעצען און ווייטער ענטוויקלען דעם יודישען גייסט אויף די יסודות פון דער אלטער יודישער טראדיציע.

כאראקטעריסטיש איז אויך די לעגענדע וועגען א יודישען קעניג אין פוילען,—א לעגענדע, וועלכע חזר'ט זיך איבער צוויי מאל: איינמאל ביים אנהויב פון פוילענס ערשטע יאהרען, ווען דאס פאלק איז געווען פערזאמעלט אין גנעזען אויסצוקלויבען א „פיהרער" און מ'האט זיך נישט געקענט איינינגען וועגען דער פערזאן, ווייל איטליכער האט חשק געהאט איבערצונעמען די ממשלה און קיין איינציגער פון די קאנדידאטען איז דעם עולם נישט געפעלען. די פערזאמעלטע האבען בעשלאסען, אז דער ערשטער פרעמדער, וואס וועט מארגען פריה אנקומען אין שטאדט אריין דער וועט ביי זיי געקרוינט ווערען פאר רעגירונגס-פירשט.

איז אויפ'ן אנדערען טאג דער ערשטער אנגעקומען א יוד מיט'ן נאמען אברהם פראכאווניק. האט מען איהם באלד אוועקגעפיהרט צו דער וויילער-פערזאמלונג, וואו מ'האט איהם אנגעזאגט די בשורה, אז ער איז אויסגעקליבען געווארען פאר'ן רעגירענדען פירשט אין פוילען. דער דאזיגער אברהם פראכאווניק האט אויסגעבעטען דריי טאג צייט, צו קענען זיך דערוויל בעראטען מיט זיך אליין, צי ער זאל דעם אמט אנגעהמען.

די פאלאקען זענען אויף אט דעם תנאי איינגעגאנגען און אברהם פראכאווניק האט זיך איינגעשלאסען אין א צימער און דריי טאג צייט האט ער זיך נישט געוויזען אויף דער פרייער וועלט. אויפ'ן פיערטען טאג אין דערפריה האבען זיך די פאלאקען פערזאמעלט, ווארטענדיג א גאנצען טאג פאר פראכאווניקס טיהר, ער זאל סוף ארויסקומען מיט זיין ענטשיידונג. און ווען עס האבען די מענשען געדולדיג געווארט, אז פראכאווניק זאל ארויסקומען האט איינער פון זיי, מיט'ן נאמען פיאסט פערלוירען דאס געדולד און ער האט אליין מיט זיין אייגענער האנד די טהיר אויפגעבראכען.

האט איהם אברהם פראכאווניק געזאגט:

„איך קען ביי אייך דעם אמט פון א רעגירענדען פירשט, צום בעדויערען, גישט אנגעהמען. איך מיין אבער, אז דער פאסיגסטער מענש פון אט דעם אמט וועט זיין פיאסט, וועלכער האט געהאט דעם מוט אויפצוברעכען די טהיר ביים אויסגעקליבענעם פירשט, ווען ער האט געזעהן, אז דאס לאנד קען נישט לענגער בלייבען אהן א פיהרער".

א צווייטע לעגענדע דערצעהלט, אז ווען ס'איז זיך אמאל די פוילישע שלאכטע צונויפגעקומען צו קלויבען א קעניג, האבען זיי זיך נישט געקענט איינינגען אויף דער פערזאן פונ'ם קעניג. איינער פון די פריצים האט געמאכט א פארשלאג צו קלויבען פאר א קעניג זיין יודישען מעקלער, שאול קאצענעלענבויגען אדער וואל. דער דאזיגער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען און דער ערשטער אויפטהו פונ'ם אויסגעקליבענעם יודישען קעניג איז געווען צו איבערגעבען זיין שטעלע צו אנ'אנדערן; צו זיגמונט אויגוסט, דעם קעניג פון שוועדען.

היסטאריש בעוויזען איז אנ'אנדער פאקט, וואס אנ'איטאליענישער יוד מיט'ן נאמען שלמה אשכנזי, וועלכער איז געווען הויף דאקטאר ביים סולטאן סעלים דעם צווייטען און שפעטער ביי זיין זוהן מוראד דעם דריטען, האט געהאט אזא שטארקע השפעה אויפ'ן גאנג פון דער פוילישער פאליטיק, אז מ'האט אזש איהם צוליב אויסגעקליבען פאר קעניג אין פוילען דעם פרינץ הענרי די וואלוא פון פראנקרייך.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מיר האבען געהאט א פעטע וואך: א פארלעזונג פון חבר זרבבל, אנ'אקאדעמישע דיסקוסיע וועגען דער פראגע הבלגה, א בעקס-מעטש, א הזכרה נאכ'ן געפאלענעם יודישען זעלנער יהושע שטארך, די לאנג-ערווארטעטע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „דאבראמשינאשטש" און נאך עטליכע קלייניגקייטען.

פאר מיין „וואס געהערט, וואס געזעהן", איז עס ווירקליך א ביסעל צו פיעל אויף איין מאל. וואס זאל איך אבער טהון, אז מען מוז, העלפט נישט קיין שום זאך.

פריהער אבער, איידער מיר וועלען זיך מתעסק זיין מיט די אויבענאויסגערעכענטע ענינים, וועלען מיר א קוק טהון, וואס עס הערט זיך מיט אונזערע פליטים, וואס זענען נאך אלץ אקטועל און פערנעמען נאך דעם אויבען אן פון אונזער טאג ארדנונג.

אלע צוזאמען.

עס העלפט נישט קיין שום מוסר-זאגען, אז עס איז נויטיג דער יודישער אחדות, אז נאר צוליעב אונזער צושפליטערטקייט פערלירען מיר אויף שריט און טריט; אונזערע כלל-טהוער, וועלכע האבען אויך כלומרשט געזאגט און געפרעדיגט וועגען אחדות, ווען ס'איז אבער געקומען צו דער זאך גופא, האט יעדער נאר זיך אין זינען געהאט און במילא איז פון גאנצען אחדות נארנישט געווארען.

ביי דער פליטים פראגע אבער איז געשעהן דאס גרויסע נס. אלע יודען, אנהויבענדיג פון דער „אגודה" ביז'ן „בונד", זענען אלע פעראייניגט. אלע זענען איבערגענומען מיט'ן גורל פון די שווער-געטראפענע יודען.

אוודאי איז נאך [illegible]האנען א גרופע אבער טאקי נישט מעהר ווי א גרופע, די אזוי-גערופענע אסימילאטארען, וועלכע מוזען, אזוי איז זייער איינשטעלונג, עס ליגט זיי אין בלוט צו זיין קאלט צו יודישע צרות, טראכטענדיג, אז צו זיי וועט עס נישט אנקומען (אזוי האבען אויך געטראכט די דייטשע יודען) מאכען דעם אנשטעל, אז זיי ארט נישט דער גאנצער ענין. אבער מיט זיי רעכענט מען זיך זעהר וועניג, זיי שטארבען אויס און מען מעג שוין באלד נאך זיי זאגען רבנן קדיש.

פאקטיש אבער מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אז אלע גרופירונגען זענען איצט פעראייניגט און דאס איז ווערט בעגריסט צו ווערען.

איך קוק ארום די זאמעל-ליסטעס, וועלכע פליסען איין אין פליטים-קאמיטעט און עס ווארפט זיך אין די אויגען דער פאבריקאנט, דער סוחר, דער קליינהענדלער און דער ארבייטער. יא, די ארבייטער, וועלכע זענען אנגעשלאסען אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען זאמלען אויך און ברענגען עס אין אלגעמיינעם פליטים קאמיטעט.

בעזונדערע אויפמערקזאמקייט פערדיענען די יידישע פאבריק ארבייטער, וועלכע זענען זעהר טעטיג אין דער זאמעל-אקציע און ווייזען ארויס גרויס ערפאלג. זיי זאמלען נישט נאר בלויז ביי די יודישע ארבייטער פון דער געגעבענער פאבריק, וועמענס צאהל עס איז אגב א קליינע, נאר זיי בעוועגען אויך, אז די קריסטליכע ארבייטער זאלען זיך בעשטייערן און דאס איז אין דער איצטיגער צייט א גרויס געווינס, ווייל יעדער גראשען, וואס ווערט געזאמעלט פאר די פליטים, האט א דאפעלטע בעדייטונג. דער גראשען ברענגט הילף די אומגליקליכע פערשטויסענע יודען און גלייכצייטיג איז עס א פראטעסט געגען די ווילדע בארבארען. אזוי ארום ווערט דאס געוויסען פון מענשען, וואס ווייזט זיך אין פלוג ארויס, אז עס איז גלייכגילטיג צו די דאזיגע ווילדע מעשים, טעטיג און פראטעסטירט געגען דעם ווילדען חושך.

אין אונזער פינסטער לעבען איז דאס דאזיגע א ליכטיגער שטראהל. אונזער גאנגרעניזירטע געזעלשאפטליכקייט ווערט אבער אין אנבליק פון דער איצטיגער צייט אויסקריסטאליזירט. עס ווייזט זיך ארויס, אז מיר האבען געזינדיגט מיט אונזער צושפליטערקייט און עס איז צייט, שוין די העכסטע צייט תשובה צו טהון.

יודען, געזעלשאפטליכע כלל טהוער, א סוף זאל נעמען צום גלות, וואס מיר אליין מאכען זיך אן, זאלען מיר ביי אלע אנדערע יודישע פראגען אויך זיין אלע צוזאמען.

יודען לעכצען נאך א שטיקעל ברויט.

איך האב מיר קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז די נויט צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג זאל זיין אזוי גרויס.

צופעליג קומט מיר אויס צוצוזעהען ווי אזוי יודישע משפחות ווענדען זיך נאך הילף צום „תומכי עניים". און וואס מיינט איהר בעקומט מען ביים „תומכי עניים"? סך הכל חלות מיט ברויט און אויך דאס נאר איינמאל אין דער וואך — שבת. האב איך זיך געטראכט אזוי: אויב מענשען קאנען זיך בעטען א שטיקעל חלה אדער ברויט, איז א סימן, אז זיי זענען באמת הונגעריג.

ס'טרעפט אפט, אז די קאנטראלערען פון די „תומכי עניים", שטרייכען אויס פון דער ליסטע דעם אדער יענעם, זיי האבען געפינען א חטא, אז דער בעטרעפענדער אדער עמיצער פון דער משפחה האט פערדינט א זלאטי, אויך א סך מסירות קומען פאר (עס איז דאס זעלבע, וואס ביים ווינטער-הילף-קאמיטעט), איין פעטענט, וועלכען מען האט אבגעזאגט די הילף מסר'ט א צווייטען, וועלכער קריגט יא נאך, אז יענער פערדינט און לעבט זיך אין וואוילטאג און פונדעסטוועגען בעקומט ער יא, אינדערצייט ווען איך בין א בלוט-ארימאן און שטארב צעהן מאל אין טאג מיט מיין ווייב און קינדער, האט מען מיר עס גאר אוועקגענומען. הויבט מען דאך אן חוקר ודורש צו זיין, ווייזט זיך ארויס, אז יענער אויף וועלכען ס'איז אנגעקומען די מסירה לעבט זיך אין אזא ראסקאש „איהם" געזאגט, איהר ווייסט שוין וועמען מען מיינט...

הקיצור, די ליסטע ווערט פון טאג צו טאג גרעסער. טאג טעגליך קומען יודען און בעטען זיך מען זאל זיי פערשרייבען אין „תומכי עניים". א סך קומען אין רעדאקציע און וויינען, אז די גוס שבת יודעלעך זענען פשוט'ע מערדער. זיי ווילען נישט ארויסהעלפען אומגליקליכע הונגעריגע יודען מיט ברויט. פרעג איך זיי אט די יודען: צי לוינט זיך אייך דאס גאנצע עסק, אז סך הכול בעקומט מען דארט נאר א צווייי דריי חלה'לעך און א קילא אדער 2 קילא ברויט? יא, עס לוינט זיך – וויינען די יודען – מיר ווילען דאס נישט פאר זיך – טענה'ן ס'רוב מענער אדער פרויען – מיר קאנען הונגערען, מיר דארפען עס אבער האבען פאר אונזערע הונגעריגע פערשמאכטע קינדער. און אזוי פערגרעסערט זיך די צאהל פון די פעטענטען, פון די הונגעריגע, פון די לעכצענדע נאך א שטיקעל ברויט און דער „תומכי עניים" איז נישט אומשטאנד אלע צו בעפרידיגען. די גוט שבת יודעלעך ווייזען באמת ארויס פיעל מסירת נפש ביים זאמלען די פראדוקטען ווי אויך ביי ענגליכע אקציעס. וואס קומט אבער ארויס, אז דאס רוב יודען ביי אונז אין שטאדט פערשטעהן דאס נישט און אט אויף דעם וויל איך מאקי אויפמערקזאם מאכען.

זייט וויסען, רבותי, אז אין טשענסטאכאוו געפינען זיך א סך הונדערטער יודישע משפחות, וועלכע לעכצען צוזאמען מיט זייערע קינדער נאך א פראסט טריקען שטיקעל ברויט. אויב איהר האט גאט אין הארצען, דארפט איהר זיי דאס שטיקעל ברויט געבען.

מיר בויגען דעם קאפ פאר די געפאלענע יודישע העלדען.

דער היגער יודישער קאמבאטאנטען-פעראיין מיט זייער פרעזעס אדוו. קנעלער האבען צוליעב'ן טויט פון דעם יודישען זעלנער יהושע שטארך, וועלכער איז געפאלען אויפ'ן שלאכט פעלד צוזאמען מיט זיין קריסטליכען חבר בעת זיי האבען ערפילט א שליחות פאר'ן פאטערלאנד, איינגעארדענט אין דער שוהל א הזכרה.

איך בין געווען אויף דער הזכרה, זיך צוגעהערט צו די טרויער-געזאנגען, ווי אויך צו דער געלעגענהייטליכער רעדע און אין מיין מח האבען אויפגעטויכט פערשידענע מחשבות, געדאנקען אזעלכע, וואס נישט אלע קאן מען ארויסברענגען אויפ'ן באפיר, אבער דאך געדאנקען, וועלכע שפארען זיך ארויס נישט בלויז פון מח, נאר אויך פון הארצען.

א געדאנק וועגען דעם, וואס מיר יודען נעמען אנטייל אויף אלע שלאכטפעלדער פון דער וועלט, אומעטום זענען מיר הייסע פאטריאטען, מיר זענען צוגעבינדען צו דער ערד, אויף וועלכער מיר לעבען און דאך וויל מען פון אונז פטור ווערען, האלט מען אין איין אויסרעדען, זענען מיר אלעמען צופיעל אין די אויגען, קאנען זיי נישט פערליידען, וואס מיר לעבען אויף גאט'ס וועלט און געניסען פון דער לופט, וואס איז פאר אלע מענשען געגעבען געווארען אין א גלייכער מאס.

אט איז יהושע שטארך, קעמפענדיג פאר פוילען געפאלען פון אנ'אויסטערליכען שונא און אט איז געפאלען קארל צעלערמייער פון אנ'אינערליכען שונא פון פוילען, יא, אזוי איז עס, ווייל די מערדער, וועלכע ווילען ערלעדיגען די יודען פראגע מיט דערמארדען אונשולדיגע יודען, זענען די גרעסטע שונאים פון פוילען; ווייל מיר גלויבען אין דעם גערעכטיגקייטס געפיהל פון פוילישען פאלק, וואס איז נישט פערסמט פון די נאצי-באצילען, האלטען מיר דעריבער, אז אויך דער לעמבערגער יודישער סטודענט, וואס איז ערמארדעט געווארען, איז געפאלען אלס יודישער העלד און צוזאמען מיט יהושע שטארך וועלען זיי פערבלייבען אין דער געשיכטע פון יודישען צבור אין פוילען.

אט פאר די געפאלענע יודישע העלדען בויגען מיר דעם קאפ.

זי האט געבראכט איהרע אבגעשפארטע גראשענס.

אין רעדאקציע קייקעלט זיך אריין

דער „מת" האט זיך א ריהר געטהון

פון לעא קעניג

דאס געוויסען פון דער וועלט, וואס אלע האבען שוין געמיינט, אז ס'איז שוין טויט, האט זיך דאך א ריהר געטהון.

יא. דאס געוויסען פון דער וועלט לעבט נאך, זשיפעט נאך.

דער לעצטער אונזיניגער אויסברוך פונ'ם נאצישען בארבאריזם האט עס דאך אויפגעוועקט, כמעט מחיה מתים געווען.

און די געוויסנהאפטע מענשהייט און איהרע שטאטלייט און וואורט-זאגער, רייבען זיך איצט די צופעגטע אויגען און פרעגען זיך: איז דאס מעגליך, אז דאס, געשעהט אינ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט?

דאס געוויסען פון דער וועלט האט דאך אפנים אויפגעוואכט, און עס לעבט נאך.

אמת, דאס געוויסען האט געמוזט קריגען מיט א האק איבער'ן קאפ, עס זאל זיך א ריהר-טהון; עס האט גע-מוזט געשעהן דער שוידערליכסטער און אויסגערעכנעטסטער פאגראם אין דער געשיכטע, דאס געוויסען פון דער מענשהייט אויפצוועקען.

צעהנדליגער שוהלען, בתי תפילות האבען געמוזט באמבארדירט און פער-ברענט ווערען; צעהנדליגער טויזענדער אומשולדיגע לעבענס אויסגעריסען ווע-רען מיט'ן ווארצעל ביי צעהנדליגער טויזענדער פאמיליעס זאל מען ארויס-רייסען דעם ביסען ברויט פון די מיי-לער, און זייערע לעבענס לאזען אויף הפקר אהן וועלכע עס איז אויסזיכטען אויסער זעלבסטמארד. עס האט געמוזט געשעהן א געמיינער, נידערטרעכטיגער „אקט פון נקמה", וואס זיין גלייכען איז שווער צו געפינען אפילו צווישען די ווילדסטע קאניבאלען, אפילו אין דזשונגעל.

דאס אלעס האט געמוזט געשעהן, כדי אויפצוועקען דאס געוויסען פון דער מענשהייט.

ווי אטראפירט האט דאס געוויסען געמוזט זיין, ווען נאר אזעלכע טעמפ-שוידערליכע אכזריות'ן האבען עס גע-קענט אויפוועקען.

אבער וואס דער פשוט'ער שכל הישר קען נישט אויפטהון, טוט אמאל אויף א ווילדער משוגענער אויסברון; עס זענען פערהאן אזעלכע פאטאלאגי-שע קראנקע, וואס מען קען זיי היילען און מונטערן, נאר מיט פלוצים'דיגע אויפציטערונגען; קיין נארמאלע מצרי-צין העלפט זיי שוין נישט.

דאס געוויסען פון דער וועלט איז ווייזט אויס אזא פאטאלאגישער חולה.

„קלייגע עוולות האבען שוין לאנג קיין ווירקונג נישט אויף דעם געווי-סען, און אפילו גרויסע אויפטרייסלונ-גען, וואס וואלטען אין נארמאלע צייטען אויפגערודערט א וועלט, האט דאס געוויסען פון אונזער צייט איבער-געטראגען „במנוחה".

איינגענטליך, איז דאס גאנצע אויפ-קומען, די גאנצע עוואלוציע, אויב מען קען דעם טערמין איצט נעבראוכען, פונ'ם נאציזם, א רייה פון אנטי-סאצ-יאלע און מאראלע אויפטרייסלונגען.

דער רייכסטאג-פייער, די שוידערליכע קאנצענטראציע לאגערן; די נירענבער-גער געזעצען; דער בעריהמטער 14 טער יוני; דאס פערגוואלדיגען פון עסטרייך און נאך און נאך...

אלץ שוידערליכע אויפטרייסלונגען וואס יעדע פון זיי אליין, האט זיך געדאכט, איז גענוגענד אויפצוועקען א טויטען, און זעהענדיג מאכען א פא-ליטיש בלינדען.

אבער דאך האט דאס געוויסען פון דער וועלט איבערגעטראגען אט די אויפטרייסלונגען און ווייטער געשמאק געבראפעט, כאטש נישט אזוי רוהיג.

נאך יעדען גאנג זיך אויסגעדרעהט אויף אנ'אנדער זייט, און ווייטער גע-חלומ'ט קאשמארען. אזוי אז עס האט זיך אנגעהויבען דאכטען אין יאוש, אז „ס'איז שוין פערפאלען" — דאס געווי-סען איז טויט. עס איז שוין צוגע-וואוינט צו די שוידערליכסטע פער-ברעכענס און בלייבט פון זיי נישט גע-שטערט, נישט לעבעדיג. אבער ווי עס ווייזט אויס, איז נישטא קיין שיעור צו פערברעכענס, און אז עס זענען פערהאן פיעל מעהר ווי ניין און פער-ציג טויערען פון אומריינע פערברע-כענס.

און אטעטיש צו פערברעכענס וואקסט אין דעם פראצעס פון פערברעכען בע-געהן.

דער נאצי רעושים און זיינע פיהרער האבען אנגעהויבען גלויבען, אז זיי קענען אלעס טהון און מען וועט זיי אלעס פערשווייגען און נאכגעבען. און מען מוז צוגעבען, אז זיי האבען גע-מעגט אזוי גלויבען; האט מען זיי אלעס, די שוידערליכסטע ברוטאלסטע אקטען, נישט פערשוויגען און נישט נאכגעגע-בען?!

לעסטערן זיי נישט מעהר פון אלע פון הומאניזם, דעם געוויסען פון דער מענשהייט. און זיי האבען עס גענומען פהון, ווייל מען האט זיי אלעס נאכ-געגעבען און פערגעבען צום שטינגען פון זייערע אייגענע פערשקלאפטע, פרידליכע מאסען; צום שטינגען פון... דעם דייטשען גענעראל שטאב, וועלכער וואגט שוין נישט צו ווארנען, ווייל ער זעהט ווי די וועלט גיט נאך אלץ מעהר און מעהר דעם פיהרער.

נו, האט איצט אט דער נאצי-רע-זשים ארויסגעווארפען א פערברעכען, וואס האט יא אויפגעוועקט דאס געווי-סען פון דער וועלט. דאס געוויסען פון דער וועלט איז איצט אויפגעוואכט אזוי ווייט — אז עס פאדערט אצינד נישט נאר ווערטער, נאר אייך מעשים.

לאנג זאל דאס וואך זיין אנהאלטען! און נישט נאר לטובת דעם בעסאיאל פאגראמירטען דייטשען יודענטום, נאר לטובת דער גאנצער מענשהייט און דעם גרויסען דייטשען פאלק.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

וישלח

ויאבק איש עמו

ווען ר' יעקב אורנר ז"ל איז גע-ווארען רב אין נאשעלסק זענען צו איהם געקומען אלע בעלי-בתים פון דער שטאדט שלום נעמען. עס איז אויך געקומען נח בדחן, וועלכער איז בעקאנט געווען אויף דער וועלט אונ-טער'ן נאמען נח נאשעלסקער. נח האט אנגעהויבען צו שמועסען מיט'ן רב אין לערנען, אנגערופען גמרות, תוספות'ן, מפרשים, וועלכע געפינען זיך נישט, געפרעגט איין קשיא נאך דער צווייטער, פערגנטפערט מיט תרוצים, אזוי דאס דער רב, וועלכער האט נישט געוואוסט ווער דער יוד איז, איז געבליבען שטעהן צומישט, נישט וויסענדיג וואס צו ענטפערען. נח האט דעם רב'ס פערלעגענהייט אויסגענוצט און זיך אונבעמערקט ארויסגעריקט פון דער שטוב. עטליכע מינוט שפעטער איז אריינגעקומען דעם רב'ס זוהן און טרעפענדיג דעם פאטער זוכען ביי דער שאנק ספרים האט ער געפרעגט: וואס האט דא גע-טהון נח בדחן? דער רב האט אויס-גערופען: אזוי דאס איז געווען נח בדחן, זענען מיר שוין פערענטפערט געווארען אלע גמרות מיט מפרשים, וואס ער האט אנגערופען, גלייכצייטיג אויך א גמרא, וועלכע איז מיר שוין לאנג קשה געווען: אויף ויאבק איש עמו זאגט די גמרא: אין חולין-חד אמר כגוי נדמה לו-יעקב האט גע-האלטען דעם „איש", וועלכער האט איהם אנגעגריפען, פאר א גוי-וחד אמר כתלמוד חכם נדמה לו-יעקב האט געמיינט, דאס דער „איש" איז א תלמוד-חכם; שטעלט זיך א פראגע צי האט יעקב נישט געקענט אונטער-שיידען פון א גוי ביז א ת"ח? נאר דער פשט מוז זיין אזוי: ויאבק איש עמו-דער איש האט זיך מיט יעקב'ן געצאמפערט אין לערנען, אנגערופען גמרות וואס נישט געשטויגען נישט געפלויגען, זאגט איין מאן דאמר כתלמוד חכם נדמה לו-יעקב האט גע-רעכענט, אז דער „איש" איז א גרוי-סער למדן, ווייסט פון גמרות, מפרשים, וואס זענען איהם אונבעקאנט, דער צווייטער מאן דאמר זאגט: כגוי נדמה לו-יעקב האט איהם געהאלטען פאר א גוי, אנ'עם ארץ, וועלכער האט נישט קיין אהנונג אין לערנען, אין דער אמת'ן אבער-האט דער רב גע-זאגט-איז דער „איש" געווען א בדחן.

וועגען דעם זעלבען נח נאשעלסקער ווערט דערצעהלט. ער איז אמאל אריינגעקומען אין א שטעדטיל ווינטער ביי נאכט און זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש. דער שמש, וועל-כער האט געוואלט שליסען דאס בית-המדרש און אהיים געהען האט איהם געהייסען מוחל זיין. דאס האט נח'ן זעהר פערדראסען און ער האט זיך אנגערופען צום שמש: זאגט מיר, ווי געפינט זיך אין תנ"ך א שמש? דער משמש האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען. אט זעהט איהר האט נח גע-זאגט-איך ווייס יא פון אזא פסוק: אשר שם „שמות" בארץ (תהלים מו' ט'). דארט ווערט דאך אבער שמות אנדערש אויסגעלעגט-האט זיך דער משמש אנגערופען. ווען דו וועסט פי-גען בארץ, וועסטו אויך זיין אנ-דערש אויסגעלעגט-האט זיך נח אנ-גערופען און פערלאזט דאס בית המדרש.

ויירא כי לא יכול ויגע בכף ירכו.

מיט יאהרען צוריק איז געווען א מנהג, אז קודם החופה האט דער חתן געהאלטען א דרשה (דערפון שטאמט דאס געבען דאס דרשה געשאנק). אין מיטען דער דרשה האט דער בדחן זיך אריינגעמישט און די דרשה פערענדיגט מיט בדחנות. איז דער חתן געווען א בן תורה, האט דער בדחן אנגעהויבען זיין בדחנות ביים סוף פון דער דרשה, דאגעגען ביי אנ'עם הארץ-באלד ביי דער התחלה. אהן בדחן האט זיך די דרשה נישט פערענדיגט. איינמאל האט פאסירט, דאס דער מחותן, דער אבי-החתן, האט זיך צוקריעגט מיט'ן בדחן. דער לעצטער האט אבגעווארט א גע-לעגענהייט און ווען עס איז געקומען צו דער דרשה פון חתן, וועלכער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, האט דער בדחן זיך געמאכט נישט הערען. דער אבי-החתן האט געזעהען, אז דער חתן פערהאקט זיך, איז ער צוגעלאפען צום בדחן, א טריט געגעבען אויפ'ן פיס און שטיל געזאגט, „עס וועט שוין גוט זיין". דאן האט דער בדחן ערשט אנגעהויבען זיין תורה: וירא כי לא יכל-ווען דעם חתנ'ס פאטער האט געזעהען, אז זיין זוהן קען נישט די דרשה, ויגע בכף ורכו-האט ער מיר א טריט געגעבען אויפ'ן פוס, אז איך זאל זאגען מיין תורה.

מי לך כל המחנה הזה.

ווען עשו האט געזעהען ביי יעקב'ן אזא גרויס פערמעגען פון שור וחמור, עבדים ושפחות, האט ער איהם גע-פרעגט מי לך כל המחנה הזה, ווי קומסטו צו דעם, וואס טויג דיר דאס אלץ? עשו איז געוואוינט געווען צו זעהען זיין ברודער זיצען אין בית המדרש פון שם ועבר לערנען, זיך פערנעמען מיט בחור'שע געשעפטען, אבקויפען א בכורה, דורך א שפיצעל ארויסקריגען ברכות, ווי קומט ער אבער צו האנדעל און מאכען א פערמעגען? דערויף האט יעקב געענטפערט: למצא חן בעיני אדני, לעולם בין איך טאקי נישט להוט נאך געלד, גאר איך בע-מיה זיך דאס צו האבען פאר דיינע-טוועגען, אפשר וועל איך ברויכען דיר צו געבען א קאנטריבוציע, זאל איך האבען מיט וואס.

להמל לכם כל זכר.

עס איז אונפערשטענדליך, אויב שמעון ולוי האבען געהאט בדעה זיך נוקם צו זיין אין די בני שכם און זיי אומ-ברענגען, נאך וואס איז נויטיג געווען דאס מגייר זיין און פערשאפען זיי אומ-זיסטע יסורים? נאר לעולם האבען די בני יעקב געזוכט נקמה פאר זייער שוועסטער'ס בזיון, זיי האבען אבער מורא געהאט, דאס אויב זיי וועלען פערניכטען שכם, וועלען קומען אלע מלוכות, וואס זענען אין שכנות מיט זיי און זיך אננעמען שכמ'ס עוולה, זענען שמעון ולוי געפאלען אויף א גוטע המצאה, צו פראפאנירען שכם צו ווערען יודען און דאמאלס זענען זיי זיכער, אז פאר יודען וועט זיך קיינער נישט אננעמען און זיי וועלען קענען אהן שום מורא אויסהרגענען גאנץ שכם.

א קליינטשיק מיידעלע פון א יאהר 4—5 און האלט אין דער האנד א פושקע איינגעוויקעלט אין א פאפיר,— וואס ווילסטו מיידעלע? — פרעגען מיר. „טא יעסט דלא אוכארוזוב"— קומט איהר ענטפער. מיר עפענען אויף די פושקע און מיר צעהלען אויס 12 מטבעות צו גראשענס, 11 מטבעות צו צווייער'ס און צוויי מטבעות צו 5-ער גראשענס. דאס האט זיך דאס קינד רוטושא געלבארד אבגעשפארט, געזאמעלט און צוגעטראגען איהר חלק פאר די ארויסגעטריבענע יודישע קינ-דער פון דייטשלאנד.

דער פאטער פון דעם איידעלען קינד האט פון זיין חלק צוגעגעבען א סומע אויפ'ן קינד'ס נאמען נאר כאראקטעריסטיש זענען די עטליכע פערציג גראשען, וואס א 4-יעהריג קינד שפארט אב און טראגט צו איהר חלק, די עטליכע פירציג גראשען הא-בען א סך מעהר בעדייטונג ווי די 50-ער זלאטעס פון אונזערע גבירים.

אט אזוי קומען זיי, די יודישע קינ-דערלעך, מיט זייערע אבגעשפארטע גראשענס און ברענגען א קרבן עולה פאר זייערע ברידערלעך און שוועס-טערלעך.

עס איז א גרויסער קרבן פון א קינד, ווען אנשטאט צו קויפען א טשעקא-לאדקע, גיט עס אוועק די גראשענס פאר די פליטים.

אינטערעסאנטע 2 באקס-מעטשען...

דער היגער „מכבי" האט ארגאני-זירט 2 באקס מעטשען איינער, וועל-כער איז פארגעקומען שבת נאכמיטאג און דער צווייטער זונטאג אווענד.

אין ביידע מעטשען האבען זיך בע-טייליגט בלויז יודען. דער אונטערשיד איז נאר, וואס אויף איין מעטש האט מען זיך געבאקסט מיט'ן „קול יעקב און ביים צווייטען מעטש—מיט די ידי יעקב- פאקטיש אבער זענען ביידע מעטשען געווען צו זיך זעהר ענליך.

דער ערשטער באקס מעטש, וועל-כער איז פארגעקומען שבת איז געווען געווידמעט דער פראגע הבלגה אדער געגען הבלגה אין ארץ-ישראל. א גרוי-סער עולם אנהענגער פון אלע ציוניס-טישע גרופירונגען, איינשליסליך די פועלי ציון, זענען געקומען זיך צו הערען צו די רייד פון זייערע סטא-רען, אפלאדירען זייערע רעדנער און גלייכצייטיג מאכען צווישענרופען די געגנער. עקזאקט אזוי ווי ביי א באקס-מעטש, ווען דער עולם טיילט זיך אויף צוויי לאגערן, איין צד גיט צו מיט איהר באקסער, רעהעט ווי די אקסען „זאביטש גא" אדער גאר אויף יודיש. „פערקיף" איהם אין מאגען אזוו. אזוי אויך דא, אויף דעם מויל-באקס-מעטש האט אזוי לפי ערך אויס-געזעהן, דער עולם אין זאל האט גע-שריגען, געוואלטעוועט, אפלאדירט און געמאכט צווישענרופען.

דער „מכבי", זייענדיג א מייסטער איינצוארדנען אזעלכע באקס מעטשען האט אויך דעם מעטש איינגעארדענט לויט אלע כללים פון א באקס-מעטש, דהיינו: זיי האבען אנגעזשירט 4 פאר, וועלכע זאלען ארויסטרעטען פאר הבלגה און 4 געגען הבלגה און דאן זאל זיין א נייטראלער, וואס זאל שפילען די ראל פון א ריכטער.

פונקט אזוי ווי ביי אנ'אמת'ן באקס-מעטש האבען זיך אויך דא די געמי-טער צוהיצט און וואס אמאל איז אין זאל געווארען אלץ הייסער און עס-ליכע מאל האט געדראהט, אז אין זאל גופא זאל אויסברעכען אנ'אמת'ער באקס מעטש, און שוין נישט מיט'ן מויל, נאר טאקי מיט די הענד.

דער סוף פון ערשטען מעטש איז געווען, אז אנשטאט 4 טשעמפיאנען זאלען ארויסטרעטען געגען און 4 פאר, האט איינער פון די באקסער פערגעסען די ראל און אנשטאט צו רעדען געגען הבלגה, האט ער גאר גערעדט פאר הבלגה. דער סוף איז געווען, אז דער מעטש האט זיך געענדיגט מיט—זערא. דערפאר אבער איז די אונטערנעהמונג געווען א געלונגענע. דער עולם האט זיך געוויילט און איז אוועק א צופרי-דענער פון די אנגענעהמע שעה'ן, וואס דער באקס מעטש האט זיי פער-שאפט.

דער צווייטער באקס מעטש שוין מיט די ידים, וועלכער איז פארגעקו-מען צו מארגענס, צווישען „מכבי" און די סאסנאוועצער „נוריה" איז שוין צו-געגאנגען ווי געוועגליך, ענליך צום שבת'דיגען מעטש, די באקסער האבען זיך אויפ'ן רינג געריבען די מארדעס און דער עולם אויפ'ן זאל האט גע-ריטשעט, געשריגען, אפלאדירט און געפיפען, און דער רעזולטאט! דאס איז שוין נישט וויכטיג...

דער עיקר, אז דער מכבי" איז ארויף אויפ'ן ריכטיגען וועג, זיין אויפ-גאבע איז ספארט פערמעסטונגען און דאס פיהרט ער אויס בשלימות, וואס עס האט אמבעסטען בעוויזען, נישט אזוי ווייט דער זונטאג'דיגער מעטש, נאר טאקי דער שבת'דיגער באקס מעטש...

דאס קען ער איהם נישט צוזאגען...

צו א יודישען הויז-ווירט האט זיך געוואנדען דער סטרוזש פון זעלבען הויז מיט פאלגענדע בקשה:

פאניע גאספאדאזשו! אזוי ווי אין גאס ווי אויך אין אונזער פעראיין האט מען געשמועסט, אז גאר אין קורצען וועט מען אוועקנעמען ביי די יודען די הייזער, האב איך צו דיר א בקשה, אז איידער דאס הויז זאל אנקומען צו אנדערע, טא פערשרייב עס מיר. סוף-כל-סוף — טענה'ט ווייטער דער סטרוזש — בין איך דאך שוין אין הויז שעהנע עטליכע יאהר, כ'בין שוין צוגעוואוינט, אויך האב איך תמיד ערליך ערפילט מיינע אויפגאבען, צו דיר, פאניע, בין איך געווען גוט, טא מהו מיר די טובה און קום צום רע-יענט, ווייל שפעטער וועט, האב איך מורא, זיין צו שפעט, ווארום ווער קאן וויסען, צי עס וועט דערנאך אויס-קומען אויף מיר בידנע מענש א הויז.

דערפאר — זאגט ווייטער דער סטרוזש — וועל איך דעם פאן גאספא-דאזש לאזען וואוינען אין מיין הויז אומזיסט אזוי לאנג ווי מען וועט עס דערלויבען פון דער מאכט.

דער הויז-ווירט, דערהערענדיג אזעל-כע ווערטער, האט איהם א ציטערניש אנגעכאפט, באלד אבער האט ער זיך בעהערשט און גענטפערט דעם סטרוזש זיינעם אזוי צו זאגען: פאניע קאכאני, נו גוט, איך וועל דיר פערשרייבען ס'הויז, אבער איך שטעל אויך ארויס א בעדינג. איך וויל, אז אזוי ווי דו ביזט איצט געווען סטרוזש און איך בעל-הבית, זאל איך זיין סטרוזש ווען דו וועסט זיין בעל-הבית.

— צא דא טענא, טא ניע מאגען — זאגט דער סטרוזש — איך וואלט עס גערן געטהון, בא פאן יעסט דאברי, אלע צא זראביטש, אז דאס וועט נישט מעגליך זיין, ווייל איך א סטרוזש וועט א זשידעק נישט קערען זיין. אי דלאטעגא ניע מאגען אביעצאטש...

זאלען די לעזער נישט מיינען, אז דאס אויבענבעשריבענע איז א פאנ-טאזיע. ליידער איז עס טרויריגער פאקט.

לויתן

אדוו. לייב אש

פאר און געגען הבלגה

(סך-הכל פון עפענטליכען וכוח אין י. ט. ס. פ. „מכבי")

צו מיינע אויפגאבען אלס פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג בעת דעם עפענטליכען וכוח „פאר און געגען הבלגה" האט געהערט דאס איבער-געבען צום שלוס פון דער דיסקוסיע א קורצען אביעקטיווען סך הכל פון די ארויסגעזאגטע מיינונגען. אייף דער פערזאמלונג האב איך דאס נישט גע-טון, ווייל די צייט איז געווען שפעט; איך טהו דאס יעצט אויף די שפאל-טען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג".

אין וכוח האבען זיך ארויסגעזאגט: פאר הבלגה — פארשטעהער פון די אלגעמיינע ציוניסטען, מזרחי, התאחדות, השומר הצעיר און לינקע פועלי-ציון, געגען הבלגה און פאר התקפה — פארשטעהער פון נ. צ. א., אחדות ישראל און יודענשטאאטס-פארטיי; כדאי צו בעמערקען, דאס די יודענשטאאטס-פארטיי איז פערטרעטען אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלכע האט פראקלאמירט דעם פרינציפ פון הבלגה. די ארגומענטען פון די צדדים זענען פאלגענדע.

פאר הבלגה

1) נאר א טייל אראבער איז שול-דיג אין הערשענדען טעראר און נאר מיט'ן דאזיגען טייל דארף געפיהרט ווערען א הארטנעקיגער קאמף. עס איז א פערברעכען סיי פון שטאנדפונקט פון אלגעמיינער מאראל, סיי פון שטאנדפונקט פון יודישער עטיק, צו מארדען אראבער, וואס זענען אין טע-ראר נישט שולדיג. בפרט יודען דאר-פען האנדלען עטיש, ווייל זיי פעררו-פען זיך שטענדיג אין בעצוג צו אנדע-רע פעלקער אויף מאראל און עטיק. לא תרצח!

2) עס איז פאליטיש נישט קלוג צו פערברייטערען דעם קאמף אויף דער גאנצער אראבישער בעפעלקערונג און שטופען בידים די אראבישע מאסען אין די רייהען פון די טעראר-באנדעס. יודען מוזען אין ארץ ישראל צוזאמענ-לעבען מיט די אראבער און ווי ווייט מעגליך שאפען זיך צווישען זיי פריינד און נישט פיינד.

3) יודען זענען אין ארץ ישראל א מינדערהייט און זייער צאהל איז ניש-טיג אין פערגלייך מיט די אראבישע מאסען אין און ארום ארץ ישראל. דורך פערברייטערען דעם קאמף אויף דער גאנצער אראבישער בעפעלקערונג אין ארץ ישראל, קענען די יודען ברענ-גען אויף זיך א געפעהרליכע שחיטה.

4) דורך ברעכען די הבלגה שטעלען זיך די יודען נישט נאר געגען דער אראבישער בעפעלקערונג, נאר אויך געגען דער בריטישער מאכט. יודען זענען צו שוואך בכדי צו פיהרען א קאמף סיי מיט די אראבער, סיי מיט ענגלאנד.

5) די הבלגה האט פעראורזאכט, דאס טראץ דעם הערשענדען טעראר און גערדיקטער ווירטשאפטליכער לא-גע אין ארץ ישראל, ווערען די מוירען פון לאנד נישט געשלאסען פאר יודי-שער איינוואנדערונג און עס ווערט נישט פערבאטען די יודען איינצוקויפען נייע ערד-שטחים און צו שאפען נייע קאלאניזאטארישע פונקטען. די הבלגה האט פערשטארקט דעם צוטרוי פון דער בריטישער מאכט צום ישוב און די ענגלענדער ערמעגליכען דעם ישוב לעגאל זיך צו בעוואפענען און צו בע-פרייען זיך אויף פיעל געביטען פון אונאבהענגיגקייט לגבי די אראבער (פארט אין תל אביב).

6) צוגלייך מיט'ן אנווענדען די טאקטיק פון הבלגה ווייזט דער ישוב ארויס א גרויסע שאפונגס קראפט גרינ-דענדיג — נישט זעלטען אונטער'ן הא-געל פון אראבישע קוילען — נייע קא-לאניעס אין די געפעהרליכסטע פונקטען פון לאנד.

7) הבלגה איז אנ'אויסדרוק פון שטארקער מאראלישער קראפט און זעלבסטבעהערשונג לטובת אנ'אלגעמיי-נער זאך.

8) הבלנה איז אין די הערשענדע בע-דינגונגען די ריכטיגסטע טאקטיק. א בעווייז: אויך די געגנער פון הבלגה ווארפען זיך לעצטענס דער דאזיגער טאקטיק אונטער. די פרובען צו שאפען א קאנטער-טעראר מצד די יודען זענען געווען פעראיינצעלטע און נישט גע-בראכט דעם געווינשטען רעזולטאט.

געגען הבלגה

1) עס קומט אין ארץ ישראל פאר א מלחמה צווישען יודישען פאלק און אראבישען פאלק; אלע אראבער זענען געגנער פון יודישען אויפבוי-ווערק און דארפען בעהאנדעלט ווערען אלס שונ-אים פון יודישען פאלק. בעה א מלחמה גיבען נישט קיין סענטימענטען, גיבט נישט קיין עטיק; בפרט די יודען קענען זיך, צוליעב זייער טראגישער לאגע אויף גאר דער וועלט, אויף עטיק נישט ערלויבען. הבא להרגך השכם והרגו!

2) עס איז פאליטיש נישט קלוג צו שאפען א לאגע, אין וועלכער איין טייל פון דער בעפעלקערונג אין ארץ ישראל זאל אויפ'ן געביעט פון די קאמפס מעטאדען זיין אויסדריקליך פריווילעגירט לגבי דעם אנדערען טייל. די אראבער ווענדען אן טעראר לגבי אלע יודען, די יודען זוכען ערשט צווי-שען די אראבער די שולדיגע. אזא טאקטיק בעטראכטען די אראבער אלס אויסדרוק פון יודישער שוואכקייט. אראבער וועלען זיין פריינד פון שטארקע, אבער נישט פון שוואכע.

3) יודען זענען אין ארץ ישראל א שטארקע ארגאניזירטע קראפט, וועלכע וואלט אפילו אהן דער ענגלישער הילף זיך געקענט אנ'עצה געבען מיט דער אראבישער טעראר-אקציע. פראק-לאמירען די שוואכקייט פון ישוב אין ארץ ישראל הייסט בעגעהן א פערראט לגבי די יודישע לעבענס אינטערעסען.

4) דורך ברעכען די הבלגה און שא-פען א קאנטר טעראר, וואלטען די יו-דען געצוואונגען די ענגלישע מאכט אנצווענדען די שארפסטע רעפרעסיעס לגבי די טעראר-באנדעס און צוריקצו-שטעלען אין לאנד אין משך פון א קורצער צייט רוה און ארדנונג.

5) די הבלגה האט פעראורזאכט אין ישוב א פאליטישען, ווירטשאפטליכען און מאראלישען צוזאמענברוך און פער-קלענערט דעם צוטרוי פון דער ברי-טישער מאכט צו דער יודישער קאמפס-פעהיגקייט. רעוולטאטען פון הבלגה-סיסטעם זענען די פארשלאגען פון דער פיל און וואודהעד-קאמיסיעס צו פער-שמעלערן ביז א מינימום די גרעניצען פון מכלומרשט'ען יודישען שטאאט. די הבלגה איז אנ'אויסדרוק פון אונטער-ווארפען זיך דער פאליטיק פון דער בריטישער אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל, בכדי אויסצופועל'ן געוויסע קאנצעסיעס אין ענין פון דער חלוקה פון לאנד.

6) די הבלגה דעמאראליזירט דעם ישוב, אבשוואכענדיג זיין קאמפטלוס-טיגקייט און שאפונגס פעהיגקייט.

7) הבלגה איז אנ'אויסדרוק פון שוואכקייט און פחדנות.

8) הבלגה איז די פאלשסטע טאקטיק. א בעווייז: טראץ דרישהאלבען יאהר הבלגה דויערט דער טעראר ווייטער און בעהערשט אלץ גרעסערע אראבישע מאסען. נאר אנ'ארגאניזירטער קאנטר-טעראר מצד די יודען קען צוריקשטע-לען אין לאנד רוה און ארדנונג.

כאראקטעריסטיש, דאס סיי די אנהענגער סיי די געגנער פון הבלגה האבען זיך אין זייער ארגומענטאציע פעררופען אויף תורת משה, ציטירענדיג פער-שידענע פסוקים. כדאי צו זעצען סנהדרין, וואס זאל אויטאריטאטיוו פסק'נען, וועד פון די צדדים איז אין דער הינזיכט גערעכט...

יעדענפאלס איז דער פרוב פון דער קולטור-סעקציע ביים „מכבי" צו-זאמענצוברענגען פערטרעטער פון פערשידענע געגענגעזעצטע (און אפילו פיינדליכע) ציוניסטישע ריכטונגען, בכדי אויסצוהערען זייער שטאנדפונקט אין אזא לעבענס-וויכטיגער פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל פראגע, געווען א גליק-ליכער און געלונגענער.

דוד אייזענבערג (ירושלים)

דער גרונדשטיין פון ישוב הישן און די רעטונג פאר'ן ישוב החדש

(צו דער אקציע פון קופת-רמבעה"נ)

שטענדיג אין אלע צייטען איז גע-ווען דער חוב פון יעדען יוד צו לייס-טען פאר אונזער לאנד — ארץ ישראל.

יעדער יוד האט געוואוסט, אז איינס פון די הויפט-דאגות, וואס דארף ביי איהם פערנעמען דעם סאמע אויבען-אן איז מעשים פאר אונזערע ברידער אין ארץ ישראל.

פיעלפאכיג דארף אבער זיין אין יעצטיגען מאמענט די אויפגאבע פון יעדען יוד צו זארגען פאר אונזערע ברידער אין א"י, וועלכע ווארטען מיט לעכצענדע אויגען אויף מאטעריעלער הילף און רעטונג.

דער ווילדער אראבישער טעראר, וואס האלט שוין אן קנאפע דריי יאהר, האט שוין דערגרייכט דעם קולמינא-ציאנס פונקט; יודישע פערמעגענס זע-נען געווארען פערניכטעט; יודישע עקזיסטענצען זענען אונטערגעבראכען; אונזערע ברידער אין ארץ ישראל ראנ-גלען זיך מיט זייערע עקזיסטענצען און בעטען הילף און רעטונג.

קופת רמבעה"נ, וועלכעס איז פון שטענדיג געווען די הילפס-אינסטיטוציע פאר'ן ישוב הישן, האט ביים היינטיגען טאג די אויפגאבע צו זארגען אויך פאר'ן ישוב החדש.

ביים היינטיגען טאג געניסען פון דער שטיצע פון קופת רמבעה"נ פיעל טויזענדער פאמיליעס אין א"י.

עס אנערקענען שוין היינט אלע אהן אונטערשיד פון פארטיי און ריכ-טונג, אז קופת-רמבעה"נ איז דער גרונדשטיין פון ישוב הישן און אויך די רעטונגס-אינסטיטוציע פאר'ן ישוב החדש.

אמת, אז דער נאמען קופת רמבעה"נ איז בעקאנט ביי אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אבער נישט אלע ווייסען פון די געוואלדיגע קאלאסאלע לייסטונגען פון קופת-רמבעה"נ בפרט אין דער יעצטיגער שווערער צייט אין א"י.

כדאי אמאל צו געבען א שטיקעל גרוס פון די לייסטונגען פון קופת-רמבעה"נ אין א"י.

איך שטעל זיך אונטער א שטיקעל גרוס, ווייל געבען אלעס, וואס ווערט אדאנק קופת-רמבעה"נ געלייסטעט, וואלט מען בעדארפט ספעציעלע ביכער וועגען דעם צו שרייבען און נישט אין די ענגע ראהמען פון א צייטונג איז עס מעגליך ארויסצוברענגען.

בלויז אין ירושלים געניסען העכער דריי הונדערט פאמיליעס פון אומזיסטע דירות, וואס קופת רמבע"ה האט גע-שאפען פון לעגאטען פון מענשען, וועלכע האבען דערמיט פעראייביגט זייער אנדענקען.

אויך אין תל אביב, טבריא, צפת א. אנד. געניסען פיעל הונדערטער פאמיליעס פון גענצליך אומזיסטע דירות, וואס קופת רמבעה"נ האט פאר זיי געשאפען.

ביים קופת רמבעה"נ עקזיסטירט אויך א ספעציעלע אבטיילונג פאר מעדיצינישע הילף, וועלכע ווערט אנ-געפיהרט דורך בעריהמטע דאקטוירים און פראפעסארען.

אויך פון דעם „עזר יולדות", וואס איז לעצטענס געשאפען געווארען דורך קופת רמבעה"נ געניסען פיעל הונדער-טער פאמיליעס יעהרליך.

ווי שוין געזאגט איז קופת רמבעה"נ אויך די פאקטישע רעטונגס-אינסטי-טוציע סיי פאר'ן ישוב הישן, סיי פאר'ן ישוב החדש, וועלכע טראגט אקעגען הילף און רעטונג פאר די תלמידי חכמים און זקנים, אלמנות און יתומים, פון די קדושים, וועלכע זענען געבלי-בען עלענד ווי א שווימענדע שיף אויפ'ן שטורעמדען ים...

עס איז דעריבער איבריג צו זאגען, אז דער חוב פון יעדען יוד איז אין איצטיגען מאמענט פיעלפאך פון יע-דער צייט, צו לייסטען פאזיטיוו פאר אונזערע ברידער אין א"י.

יעדער יוד ביי וועמען עס איז טייער און הייליג אונזער לאנד און ביי וועלכען יוד דען נישט? — מוז יעצט טהוען טאקי מעהר ווי פון יכולת פאר אונזערע ברידער אין א"י.

די איוב בשורות, וואס קומען אן טאג טעגליך פון א"י זענען שרעקליך ביז גאר און עס פאדערט זיך: מעשים!

דער חוב פון יעדען יוד איז תיכף זיך צו בעזארגען מיט א פושקעלע פון רבי מאיר בעל הנס. אונזערע עסקנים מוזען מאביליזירט ווערען און פיהרען א גרויסע אקציע צו פער-שפרייטען די פושקעלעך פון רמבעה"נ, ווייל דאמיט פערשטארקט מען דעם גרונדשטיין פון ישוב הישן און מען טראגט אקעגען די הילף און רעטונג פאר'ן ישוב החדש.

האנדעלס - קורסען פאר קליינהענדלער

מיר שטעהען פאר אנ'ערשיינונג פון אויפבוי פון א נייעם צווייג בילדונגס-סיסטעם, נעמליך: שולען מיט האנדעלס פראגראמען, וועלכע זענען דעם בריי-טען עולם נאך זעהר ווייניג בעקאנט. די דידאקטישע אויפגאבען פון די דא-זיגע שולען זענען: צו פערשפרייטען די פאך-קולטור צווישען סוחר'טום, צו הויבען פאכמעניש, עטיש און קולטו-רעל, צו קולטיווירען די האנדעלס-טראדיציע אין לאנד. איינע פון די וויכטיגע אויפגאבען איז: דערגענצען די בילדונג פון זעלבסטשטענדיגע סוח-רים, וואס דאס מיניסטעריום וויל דער-גרייכען דורך דער צוזאמענארבייט מיט'ן פערבאנד פון האנדעלס קאמערן און מיט די צענטראלע סוחרישע אר-גאניזאציעס.

ביז נישט לאנג איז די יודישע גע-זעלשאפט בכלל און דאס סוחר'טום בפרט ווייט געבליבען הינטערשטעליג אין דער דאזיגער הינזיכט אין דער צייט ווען אנדערע רעאליזירען דעם דאזיגען פלאן מיט דעם שנעלסטען טעמפא.

די פערוואלטונג פון ארטיגען קליינ-הענדלער פערבאנד איז אין הסכם מיט די בעשלוסען פון אונזער לעצטען לאנדעס צוזאמענפאהר צוגעטרעטען צו שאפען אזא האנדעלס קורס פאר סוח-רים, דעטאליסטען און קליינהענדלער מיט א געהעריגען פראגראם פון למודים, אונטער דער לייטונג פון ד"ר פיליפ אקסער. דער קורס וועט דויערן 6 וואכען, צו 5 שעה וועכענטליך, צוויי מאל אין דער וואך אין די טעג מאנ-טאג און מיטוואך אין די אווענד-שעה'ן פון 7.30 ביז 10 אין אייגענעם לאקאל. די ערעפנונג פון די קורסען וועט פאר-קומען היינטיגען חודש.

עס איז איבעריג אויפצווייזען יעדען קליינהענדלער די נויטווענדיגקייט צו ענדיגען אזא האנדעלס קורס. ס'איז דערביי כדאי אויפמערקזאם צו מאכען, אז די דאזיגע דעטאליסטען און קליינ-הענדלער, וואס וועלען זיך נישט בע-וויזען צוצופאסען צו די נייע פארמען פון האנדעל, זענען אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון אונטערגאנג, ווייל מ'קען נישט וויסען צי א דיפלאם פון א גע-ענדיגטען סוחרישען האנדעלס - קורס וועט נישט ווערען א עגזיסטענץ-בעדינג. מיר מוזען דעריבער שטארקען אונזערע אייגענע ווירטשאפטליכע פאזיציעס און ענטוויקלען א גרויסע און לעבעדיגע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון בילדונג. דאגעגען לייכטזיניגקייט, גרינגשעצונג, איראניע און נישט-גלויבען וואלט גע-ווען פאר אונז א גרויס אומגליק און פערברעכען לגבי די צוקונפטיגע דורות. מיר גלויבען, אז אונזערע שריט אויף דעם געביעט וועלען געהע-ריג אבגעשאצט ווערען, און אלע וועלען נעמען אנטייל אין די קורסען.

מ. מאנעטא

עפענטליכער דאנק

דער הילפס-קאמיטעט פאר די דייטשע פליטים אין טשענסטאכאוו דריקט אויס דערמיט זיין אינניגסטען דאנק די ה"ה: ה. בלעכשטיין, י. בראקמאן, וו. בראקמאן, מ. טשארנאכא, ד. גאלדמאן, י. ניימארק, פ. סאמסאנאוויטש און פ. סטאשעווסקי פאר זייער אינטענסיווער ארבייט לטובת דעם קאמיטעט פון זיין ענטשטעהונג ביז'ן היינטיגען טאג.

די דאזיגע ה"ה האבען מיט זייער אינטענסיווער ארבייט צוגעהאלפען צום ערפאלג פון דער הילפס-אקציע און דער קאמיטעט דריקט דעריבער אויס זיין עפענטליכען דאנק פאר אפפערוויליגער ארבייט.

הילפס-קאמיטעט פאר די
פליטים פון דייטשלאנד
אין טשענסטאכאוו.

טשענסטאכאוו, 8 דעצעמבער 1938.

א פארלעזונג פון ב. שעפנער

פרייטאג, דעם 16 דעצעמבער ד. י. פונקטליך 8 אווענד קומט פאר אין פייערלעשער - זאל א פארלעזונג פון גלענצענדען פעליעטאניסט און בעליב-טען רעדנער ה' ב. שעפנער (בית-שין) פון ווארשא א. ד. ט.: „די ראל פון הומאר".

צום פארשטעהענדען אווענד פון קינדערהיים

די צוגרייטונגען צו דער פערוויילונג פון קינדערהיים, וואס וועט פארקומען שבת, דעם 17-טען דעצעמבער ד.י. אין פייערלעשער-זאל זענען אין פולען גאנג. ביז איצט זענען שוין פערשפרייט גע-ווארען א גרויסע צאהל איינגאנגס-קארטען און די נאכפרעג אויף בילעטען איז זעהר שטארק.

די זאמלונג אויפ'ן בופעט האט זיך אויך שוין אנגעהויבען און ס'ווערט געזארגט דערפאר, אז דער בופעט זאל זיין רייך און ביליג. עס ווערען אויך געגרייט פערשידענע פערוויילונגען און אטראקציעס.

לויט די ידיעות וואס זענען ביז איצט פערהאן ביים ארגאניזיר-קאמיטעט, גרייט זיך צום אווענד א גרויסער עולם און דאס פון פערשידענע קרייזען. איבע-ריגענס איז דאס גאר קיין וואונדער נישט, ווייל אלע געדענקען נאך זיכער די גוטע, צופרידענע שטימונג, וואס האט געהערשט אויפ'ן פאראיאהריגען אווענד פון קינדערהיים.

די ארגאניזאטארען בעמיהען זיך דעריבער, אז אויך היי-יאהר זאל די פערוויילונג טראגען א היימישען און געמיטליכען כאראקטער. וועגען איינ-גאנגס קארטען דארף מען זיך פריהער בעזארגען.

פון „ברית - החיל"

פרייטאג, דעם 9-טען ד.ח. פונקטליך 7.30 אין אווענד וועט פארקומען אין לאקאל פון בית"ר (אלעע 40) א פער-זאמלונג פון אלע מיטגלידער און סימ-פאטיקער פון היגען קרת, אויף וועלכער עס וועלען ווערען ערלעדיגט זעהר וויכטיגע פראגען בנוגע דער רעארגא-ניזאציע פון היגען קרת.

אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון מלבוש-ערומים

קינפטיגען זונטאג פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין איי-גענעם לאקאל אלטער מארק 12, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט מלבוש-ערומים מיט'ן געהעריגען טאג ארדנונג.

אלע מיטגלידער ווערען אויפגע-פאדערט צו זיין אנוועזענד.

גישמאַק, ביליג, לייכט צום פאַרדייען

MENORA

כשר

די מאַרגאַרין „מנורה" ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון ווארשאווער ראבינאט.

קאָמוניקאַט פון אָ. פּ. ל.

אין דער נאָהנטסטער צייט וועלען פארקומען איבונגען פון לופט-פּליה-פערטיידיגונג אין דער שטאָדט טשענסטאכאָוו.

כדי צו געבען א בעוויז פון פולשטענדיגער פערשטענדניס פאר דער דאָזיגער וויכטיגער פערטיידיגונג, דאַרפען אלע זיך געגוי צופּאַסען צו די פעראָרדנונגען, וואס וועלען ארויסגעגעבען ווערען אין דער געהעריגער צייט דורך דער ענטשפרעכענדער מאַכט.

די פּאַנאָטאָוויע וועט פערעפענטליכט און פלאַקאַטירט ווערען עפענטליך. אלע דאַרפען זיין צוגעגרייט געוויסענהאַפט און זיך צופּאַסען צו די אָנווייזונגען אין די בעקאַנטמאַכונגען.

בעת די איבונגען וועט זיין טעטיג א קורץ פאַליגע ראַדיאָ-סטאַציע, וועלכע וועט אין משך פון דער לויפענדער וואָך זיין ערעפענט. די פּאַליע, ווי אויך דער טאָג און די שעה, ווען מ'וועט קענען אויפנעמען די ידיעות אויף די ראַדיאָ-אַפּאַראַטען — וועלען בעזונדער מיטגעטיילט ווערען דורך דער אָרטיגער פרעסע.

נעמענדיג אין אַכט די וויכערקייט פון דער בעפעלקערונג ווערט געוואָרענט, אז אלע עווענטועל-געפונענע נישט-עקספּלאָדירטע באָמבעס דאַרפען נישט צוגעריהרט ווערען, נאר וועגען יעדען בעזונדערן פאַל דאַרף מען מעלדען די קאָמענדאַנטען פון הויז און בלאָק אדער אין נאָהנטסטען פּאָליציי פּאָסטערונעק.

פאר נישט צופּאַסען זיך צו די פאַרשריפטען און פאר אָלערגאָרט איבערשרייטונגען פון די פאַרשריפטען וועלען די איינוואוינער בעשטראָפט ווערען מיט מאַנדאַט שטראָפען.

פייערליכע הזכרה נאָכ'ן געפאַלענעם יודישען העלד יהושיע שטאָרך

נעכטען, זונטאג 11 פאַרמיטאג איז לויט דער איניציאַטיוו פון היגען קאַמבאַטאַנטען - פעראיין פארגעקומען אין דער נייער שוהל א פייערליכע הזכרה נאכ'ן געפאלענעם יודישען העלד יהושיע שטאָרך.

צו דער הזכרה זענען געקומען אָפּיצירען פון די היגע מיליטערישע גאַרניזאָנען, א פאָרשטעהער פון דער סטאַראָסטווא, מאגיסטראַט, קהלה-פרעזעס, א דעלעגאַציע פון די היגע יודישע גימנאַזיומס מיט זייערע פעהנער, די קאַמבאַטאַנטען מיט'ן היסטאָרישען נאַציאָנאַלען פאָהן און א רייה געזעלשאַפטליכע טוער.

די הזכרה ריכט אָב חזן פינקעלשטיין צוזאַמען מיט'ן כאָר זינגענדיג עטליכע קאַפּיטלען תהילים און אנ'אל מלא.

ד"ר הירשבערג האלט דאַן א טרויער-רעדע. ער דערמאַנט די 2 העלדישע זעלנער ווי אויך דעם מאַיאָר ראַגאַ, וועלכע זענען געפאַלען פאר'ן פאָטערלאַנד און ענדיגט מיט די ווערטער: הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.

דער כאָר זינגט דאַן נאך א קאַפּיטעל תהילים און די טרויער-פייערונג ווערט פערענדיגט.

גאַסט-אויפטריטען פון וואַרשאַווער „טעאַטער פאַר אַלע"

דאס וואַרשאווער יודישע „טעאַטער פאר אַלע" קומט אראָב קיין טשענסטאָכאָוו, וואו זיי וועלען געבען אין פייערלעשער-זאַל איינציגע פאַרשטעלונגען פרייטאג, דעם 9 און שבת, דעם 10 טען ד. ח.

אין דער טרופּע נעמען אָנטייל גוטבעקאַנטע אַרטיסטען, וועלכע האבען מיט גרויס ערפאָלג געשפּילט אין ווארשאווער „סקאַלאַ" און אין אנדערע טעאַטערן.

זייער רעפּערטואַר „בענקענדע הערצער" און „דאס מיידעל פון דער וואָלגאַ" געהער צו די שלאַגערן, וואס האבען איבעראַל ביים ברייטען יודישען טעאַטער עולם אויסגענומען גאר שטאַרק.

אין די אָפּערעטען זענען פערהאַן פיעל לידער, טענץ און הארציגע מוזיק, וואס דאס פּובליקום זינגט עס א לאַנגע צייט שפּעטער.

בלויז דער נאָמען „טעאַטער פאר אַלע" בעדייט, אַז דאס איז א טעאַטער, וואס האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאַבע אַלעמען צו בעפרידיגען, דאס הייסט אלע קרייזען, אלע שיכטען פון יודישען טעאַטער-פּובליקום.

מיט זייער געזאנג, טענץ און מוזיק פּצריאַנען זיי כאָטש אויף א פּאָר שעה די מרה שחורה פון יודישע פּנים'ער און צופּיקעניש אלע אונזערע שונאים מאכען זיי יודען לאַכען און הנאה האבען.

דאס „טעאַטער פאר אַלע" וועט זיכער אוך ביי אונז בעזוכט ווערען דורך די ברייטסטע יודישע קרייזען אין האבען גרויס עפאָלג.

בילעטען צו בעקומען אין דרוקערייי פון ה' באַטשאַן, פרייטאג פון 6 אָוונד און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע פון פייערלעשער-זאַל.

חעגען פּאַטענטען אויפ'ן 1939 י.

אַזוי ווי אָ רייהע יאָהרען, ווערט אויך היי-יאָהר אָדורכגעפיהרט די פּאַטענטען-אַקציע אין אונזער פערבאַנד. די אַלע, וועלכע וועלען געניסען פון הנחה בּאַטענטען אדער בעקומען הלואות אויף פּאַטענטען, דאַרפען זיך ביז'ן 16 ד.ח. רעגיסטרירען אין סעקרעטאַריאַט פון קליינהענדלער פערבאַנד אין די שעה'ן פון 6 ביז 9 אָוונד.

פון ספּאָרט - קלוב „הפועל"

לעצטענס זענען פארגעקומען גרויסע ענדערונגען אין י. א. ס. ק. „הפועל". עס איז געוואָרען אויסרעמאָנטירט דער לאָקאַל, וואו עס קומען פאָר יעדען טאָג טרעניגנען אונטער דער אויפזיכט פון די בעסטע טשענסטאכאווער אינסטרוקטאָרען.

א גרויסע סענסאַציע האט ארויסגערופען די ידיעה, אז שוין זונטאג, דעם 18 ד. ח. באָקסט „הפועל" מיט די פיזיש שטאַרקע באָקסער פון „סטראַדאָם".

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז פאָריגעס יאָהר האט „סטראַדאָם" בעזיעגט די היגע „וויקטאָריאַ" 15:1.

פון „קרן היסוד"

קומענדען שבת, 4 א זייגער נאָכמ. וועט אין דער גייער שוהל פאָרקומען א גראַנדיעזע חנוכה-פייערונג מיט דער בעטייליגונג פון די ה"ה: הרב ד"ר מ. נוראק פיהרער פון לעטישען יודענטום, און דעם בעקאַנטען ציוניסטישען עסקן נ. גערבאָווסקי.

עס איז צו פערהאָפען, דאס דער ברייטער יודישער עולם וועט די פייערונג צאַהלרייך בעזוכען.

ליקווידירט דאָס ביוראָ פון דער קרייז-וואַהל-קאָמיסיע

דאס ביוראָ פון דער קרייז-וואַהל-קאָמיסיע האט איבערגעשיקט צום וואָיעוואָדישען אַמט אין קעלץ צוויי קאַסטענס מיט נישט-פערברויכטע דרוקזאַכען און צו דער טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג פון קרייז געריכט דריי קאַסטענס מיט דאָקומענטען און וואַהל-אַקטען.

די דאָזיגע אלע אַקטען וועלען פערבלייבען אין געריכטס אַרכיוו ביז צו דער קאַדענץ פון יעצטיגען סיים.

אָבערקאַנטאָר דוד ווייסבערגער אין דער שוהל „אהל יעקב"

היינט פרייטאג און מאָרגען שבת וועט אין דער שוהל „אהל יעקב", אַלעע 4, דאַווענען דער גרויסער עמוד-קינסטלער, געוו. ווינער אָבערקאַנטאָר דוד ווייסבערגער, וועלכער איז בעקאַנט די היגע ליבעהאָבער פון רעליגיעזען געזאַנג פון זיינע גאַסט-אויפטריטען מיט איינינגע יאהר צוריק אין דער שטאָדט-שוהל.

עס איז דעריבער דער חוב פון די אלע, וואס ווילען הערען דעם אָבערקאַנטאָר ווייסבערגער זיך בעצייטענס צו פערזעהען מיט בילעטען.

פעסטגעשטעלט דעם טערמין פון די אַנטי-טובערקולאָז-טעג

דער טערמין פון די היי-יעהריגע „אַנטי-טובערקולאָז-טעג" איז ענטגילטיג פעסטגעשטעלט געוואָרען פון 15 דעצעמבער ה. י. ביז'ן 15 טען יאַנואַר 1939 י. דאס פערשפּעטיגען פון אָנהויב פון דער אַקציע מיט א וואָך אין בעצוג צו די פריהערדיגע אַקציעס איז ארויסגעפאלען צוליעב דער איצטיגער ווינטער-הילף - אַקציע, אויף וועלכער ס'איז געוואָנדען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

די פייערלעשער בויען אַ נייע רעמיזע

די לעש-איינריכטונגען פון די טשענסטאָכאָווער פייערלעשער געהערען צו די בעסטע אין גאַנצען לאַנד. ס'איז דעריבער גישט קיין וואונדער, אז די איצטיגע רעמיזע קען נישט אריינגעמען דעם גאַנצען אינווענטאַר פון די פייערלעשער. די פערוואַלטונג פון די פייערלעשער האט צוליעב דעם אָנגענומען א בעשלוס אויסצובויען אין יאָהר 1939 א נייע רעמיזיע, וועלכע וועט אויפגעשטעלט ווערען פון דער זייט סטראַזשאַצקאַ גאַס.

פון „דאַבראָטשינאַשטש".

אויף דינסטאָג אָוונד איז געווען בעשטימט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „דאָבראָטשינאָשטש".

ווי געוועגליך האבען מיר אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג דעלעגירט אונזערס א פאָרשטעהער, נאָר לייַדער האט דער „דאָבראָטשינאָשטש" נישט קיין פערשטענדניס, אַז זייערע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען זאלען דערגעהן צו דער עפענטליכקייט ומהאי טעמא קאָנען מיר נישט געבען קיין בעריכט.

וואס מיר האבען אבער יאָ געוואויר געוואָרען פון נישט אָפיציעלע קוועלען איז, אָז דער פערלויף פון דער פערזאמלונג איז געווען א שטורמישער און האט זיך געצויגען ביז שפּעט אין דער נאָכט און דער סוף איז, אָז מען איז צו קיין רעזולטאט נישט געקומען און דער עפילאג וועט פאָרקומען אין עטליכע וואָכען ארום.

נדבות אין רעדאַקציע

פאָר דער געז. „תומכי עניים"

ה' משה מאָשקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער 10 קילאָ ברויט.

ה"ה: קעמפּינסקי און פיינגאָר אנשטאט אָ טעלעגראַמע צו דער חתונה פון ה' פנחס הערשליקאָוויטש 5 קילאָ ברויט.

ה"ה: קעמפּינסקי און בראָקמאַן אנשטאט אָ טעלעגראַמע צו דער חתונה פון ה' הירשל מאַנדעל 5 קילאָ ברויט.

ה' וואָלף נאָוואַק און פרוי צו דער חתונה פון זייער שוועסטער 10 קילאָ ברויט.

ה' הירש לייב נאָבעל צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' חיים יחזקאל ליביצקי צו דער יאהרעייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 6 קילאָ ברויט.

פאָר די דייטשע פליטים

אינזשיניער מ. פעיגין 3 זל.

פון באָקס

„נורדיה" (סאָסנאָוויץ) — „מכבי" 8:8

ביי א פיל-געפּאַקטען זאַל זענען זונטאג פארגעקומען פערמעסטונגען וועגען באָקס מייסטערשאַפט פון שלעזישען קרייז צווישען די מאַנשאַפטען פון סאָסנאָווצער „נוֹרדיה" און היגען „מכבי". דער אַלגעמיינער רעזולטאַט איז געווען 8:8.

דער פערלויף פון די קאַמפען איז פאָלגענדער:

פליגען-געוויכט: דאָלנער (נ) בעזיגט אַלעקסאַנדראָוויטש'ן אויף פונקטען.

האָהן-געוויכט: בזשעסקי (נ) — אָרבאַך. דער קאַמף ענדיגט זיך אונענטשידען.

פעדערן געוויכט: טאָפּיעל (נ) פערשפּילט צו שטשערבאַלא'ן אויף פונקטען.

לייכט געוויכט: דיאַמענט (נ) בעזיגט בערקענשטאַט'ן אויף פונקטען.

האלב מיטעל-געוויכט: בראַינער (נ) — גראָנעק. דער לעצטער זיעגט דורך א נאָק אוט אין דער ערשטער רונדע.

מיטעל געוויכט: קעסטענבערג (נ) — שלימער. דער קאַמף ענדיגט זיך אונענטשידען.

אין האלב שווער-געוויכט גיט „מכבי" אָוועק צוויי פונקטען אהן קאַמף.

שווער-געוויכט: ווייסבערג (נ) — זאַלמאַן. ווייסבערג גיט זיך אונטער אין דער צווייטער רונדע און זאַלמאַן זיגט דורך א טעכנישען נאָק-אוט.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Doskonałą służbę informacyjną o każdej porze pełni niezawodnie odbiornik wartościowy nabyty we firmie fachowej.

Prowadzimy wyłącznie odbiorniki uznane powszechnie jako przodujące.

Autoryzowana sprzedaż wyrobów firm:
Elektrit
Telefunken
Capello
Korona
Hornyphon

Warunki dogodne.

WORLD-RADIO
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

געזעלשאַפט „מלבוש-ערומים"

זונטאג, דעם 11-טען ד. ח. 3 א זייגער אין ערשטען און 4 א זייגער אין צווייטען טערמין קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט אַלטער מאַרק 12

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

טאג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פאָרזיצער פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, 3) בעריכטען, 4) בודזשעט, 5) וואַהלען פון א פערוואַלטונג, 9) פרייע פאָרשלאַגען.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(הויז פון ה' זוימין) 16 אַלעע 2-טע פיליע

מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פרייז 12 גר.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישרייניגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושן. די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פראַקטיק

Kino „LUNA"

קונסטווערק פון דער פוילישער קינעמאַטאָגראַפיע!

GENIUSZ SCENY

דער טיכאָן פון דער פוילישער סצענע

לודוויק סאָלסקי

ענטדעקט אומפערגעסליכע ריהרענדע געשטאַלטען!

אין די איבריגע ראָלען: באַרשטשעווסקאַ, סטעמפּאָווסקי, ווענגזשין, בריזשינסקי א"א

KINO „EDEN".

דאס פראַנצויזישע קונסטווערק מיט אנ'אונגעוועהנליכען אינהאַלט

WIĘZIENIE BEZ KRAT

א זשעני האָט געשאַפען דאס בילד.

אין די הויפּט-ראָלען:

Corinne Luchaire
Anne Ducaux.

Red. B. Bocian | Wyd. B. Bocian i S-ka | Druk. B. Bocian, Aleja 6